בס"ד

פסח תשפ"ג

גליון 136

# דעם רבינ'ס ליכט



אַייערע קינדער זאָלט איר מודיעַ זיין
וואס דאָ האָט זיך גיטאָן (שיהר"ן ר"ט)

## דער רייינער קוואל

**אַ גוטן שַבָּת און יום טוב פַאר אַלע לֶעכְטִיגֶע קִינְדֶער,**

מִיר שְׁטֵייעֶן שׁוֹין אָט, פַאר דֶעם הֵיילִיגְן און גְרוֹיסְן יוֹם טוֹב פֶּסַח, וֶוען כְּלַל יִשְׂרָאֵל זֶענֶען גֶעוָוארְן אוֹיסְגֶעקְלִיבְן פוּן אַלֶע פֶעלְקֶער צוּ וֶוערְן גֶערוּפְן אוֹיפְן אוֹיבֶּערְשְׁטְנְ'ס נָאמֶען, "עַם יִשְׂרָאֵל". דֶערְפַאר רוּפְן מִיר אוֹיס בַּיי קִדּוּשׁ, "אֲשֶׁר בָּנוּ מִכָּל עַם", און נִישְׁט נָאר שַׁבָּת און יוֹם טוֹב זָאגְן מִיר דָאס נָאר יֶעדְן טָאג, גְלַייךְ אִינְדֶערְפְרִי בַּיי "בִּרְכַּת הַתּוֹרָה", זָאגְן מִיר מִיטְן גַאנְצְן הַארְץ, "אֲשֶׁר בָּחַר בָּנוּ מִכָּל הָעַמִּים".

עֶס אִיז דָא אַ שִׂיחָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן: "וָואס וָואלְטְן אִידְן גֶעוֶוען וֶוען זֵיי גֵייעֶן נִישְׁט אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם? וָואלְטְן זֵיי גֶעוֶוען צִיגַאנֶערְס". צִיגַאנֶערְס זֶענֶען אַ פַארְשֶׁעמְטֶע פָאלְק וָואס אַלֶע פֶעלְקֶער קוּקְן אַרָאפּ. מֶען קֶען נָאךְ הַיינְט זֶען אַזֶעלְכֶע צִיגַאנֶער וָואס גֵייעֶן אַרוּם מִיט צֶערִיסֶענֶע קְלֵיידֶער, אָן שִׁיךְ - בָּארְוֶועס, זֵיי הָאבְן נִישְׁט קַיין שׁוּם מֶענְטְשְׁלִיכְקַייט, עֶסְן אַזוֹי וִוי בַּעֲלֵי-חַיִּים, וואוֹינֶען אִין בַּיידְלֶעך אִיבֶּער דִי פֶעלְדֶער און וֶועלְדֶער, זֵיי הָאבְן נִישְׁט קַיין שְׁפְּרַאךְ, בְּקִצּוּר, צִיגַאנֶער! אַזוֹי וָואלְטְן מִיר אוֹיסְגֶעקוּקְט וֶוען מִיר גֵייעֶן וֶוען נִישְׁט אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם און בַּאקוּמֶען נִישְׁט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

ר' נָתָן פְרֶעגְט אַ גֶעוואַלְדִיגֶע קַשְׁיָא, "אוֹיבּ דֶער גַאנְצֶער צִיל פוּן יְצִיאַת מִצְרַיִם אִיז כְּדַאי גֶעוֶוען נָאר אַז אִידְן זָאלְן בַּאקוּמֶען דִי תּוֹרָה, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (שמות ג, יב) "בְּהוֹצִיאֲךָ אֶת הָעָם מִמִּצְרַיִם תַּעַבְדוּן אֶת הָאֱלֹקִים עַל הָהָר הַזֶּה", 'הָהָר' מֵיינְט הַר סִינַי פוּן מַתַּן תּוֹרָה, וָואלְט גֶעוֶוען מֶער פַּאסִיג אַז מֶען זָאל דֶערְמַאנֶען נָאר מַתַּן תּוֹרָה, אַז כְּלַל יִשְׂרָאֵל זֶענֶען גֶעוֶוען אִין מִדְבָּר און דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען צוּ זֵיי און זִיךְ בַּאוִויזְן מִיט מוֹרָא'דִיגֶע קוֹלוֹת, פַארְוָואס וָוארְנְט אוּנְז דִי תּוֹרָה אַזוֹי שְׁטַארְק אַז מֶען זָאל שְׁטֶענְדִיג דֶערְצֵיילְן דֶער סִיפּוּר פוּן יְצִיאַת מִצְרַיִם? און אֲפִילוּ בַּיי מַתַּן תּוֹרָה אַלֵיין הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְן דִי עֶרְשְׁטֶע וֶוערְטֶער, "אָנֹכִי ה' אֱלֹקֶיךָ אֲשֶׁר הוֹצֵאתִיךָ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם" (שמות כ, ב), און רוֹב מִצְווֹת זֶענֶען אַ זֵכֶר לִיצִיאַת מִצְרַיִם. וָואס אִיז אַזוֹי וִויכְטִיג אַז חֲזַ"ל זָאגְן אוּנְז אָן, "וְכָל הַמַּרְבֶּה לְסַפֵּר בִּיצִיאַת מִצְרַיִם הֲרֵי זֶה מְשֻׁבָּח". וָואס מֵיינְט דָאס פַאר אוּנְז?

ר' נָתָן אִיז מַסְבִּיר, אַז יְצִיאַת מִצְרַיִם מֵיינְט סַיי דִי פְּרָטִיּוֹת'דִיגֶע יְצִיאָה. וֶוען יֶעדֶער אִיד פַאר זִיךְ וֶוערְט אוֹיסְגֶעלֵייזְט פוּן זַיינֶע אֵייגֶענֶע צָרוֹת, און סַיי דִי כְּלָלִיּוֹת'דִיגֶע יְצִיאָה וָואס אִיז גֶעוֶוען וֶוען מֶען הָאט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען דִי אִידְן פוּן לַאנְד מִצְרַיִם, וֶוען דִי אִידְן זֶענֶען גֶעוֶוען אוּנְטֶערְטֶענִיג אוּנְטֶער פַּרְעֹה צְוֵויי הוּנְדֶערְט און צֶען יָאר, און דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעשִׁיקְט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ




המשך קומענדיגע זייט

דער ריינער קוואל

המשך פון זייט 1

וועלכער האָט געמאַכט גרויסע מוֹפְתִים, אין איין רֶגַע האָט ער איבערגעדרייט דאָס גאַנצע וואַסער פון מִצְרַיִם אויף בְּלוּט, שפּעטער פון בְּלוּט צוריק צו וואַסער, שפּעטער האָט ער געשיקט די צְפַרְדְּעִים און אַזוי ביי כִּנִּים, עָרוֹב און אַלע מַכּוֹת, האָט ער באַוויזן אַז די גאַנצע טֶבַע פירט דער אויבערשטער און ער איז מְגַלֶּה זיינע סוֹדוֹת פאַר זיינע צַדִּיקִים אַז זיי קענען פירן די וועלט ווי זייער שטרעבן.

ביי קְרִיעַת יַם סוּף האָט מען ווידער געזען די נִסִּים ווי דער יַם האָט זיך געשפּאַלטן, די גאַנצע וועלט האָט געזען די אַהֲבָה וואָס דער באַשעפער האָט צו זיינע קינדער אַזוי ווי עס שטייט, "וַיִּבָּקְעוּ הַמָּיִם," זאָגט רַשִׁ"י הק' אַז אַלע וואַסערן פון דער גאַנצער וועלט זענען געוואָרן געשפּאַלטן! וואו עס איז נאָר געווען, צו אין אַ גלאָז אָדער אַ טאָפּ איז עס געשפּאַלטן געוואָרן. די פעלקער האָבן נישט געוואוסט וואָס איז געשען? האָט מען זיי געזאָגט: "עס איז דאָ אַ פאָלק וועלכע הייסן "יִשְׂרָאֵל" און עס איז דאָ אַ קעניג אַן איין איינציגער גאָט וואָס האָט זיי אויסגעוועלט פאַר אַ פאָלק, יעצט זענען זיי אַרויס פון מִצְרַיִם און מען גייט זיי געבן אַ תּוֹרָה! אַזוי איז דעם אויבערשטנ'ס נאָמען געוואָרן גרויס און באַוואוסט אויף דער גאַנצער וועלט.

אָבער די תּוֹרָה איז אַן אייביקייט. מיטן אַרויסגיין פון מִצְרַיִם האָט זיך דאָס מיט דעם נישט געענדיגט, נאָר, "בְּכָל דּוֹר וָדוֹר חַיָּב אָדָם לִרְאוֹת אֶת עַצְמוֹ כְּאִילּוּ הוּא יָצָא מִמִּצְרַיִם", יעדער איינער דאַרף זיך זען ווי ער אַליין גייט אַרויס פון מִצְרַיִם. מִצְרַיִם מיינט נישט נאָר דאָס לאַנד מִצְרַיִם אויף דער מאַפּע, 'מִצְרַיִם' איז אַלע כְּפִירוֹת, אַלע חָכְמוֹת און דִּמְיוֹנוֹת, אַלע שלעכטע מִדּוֹת, אַלע תַּאֲווֹת, די גאַנצע שלעכטס פון דער וועלט, דאָס איז 'מִצְרַיִם'!

יעצט אין דעם הייליגן חֹדֶשׁ נִיסָן גייט יעדער איד אַרויס פון מִצְרַיִם, דער אויבערשטער אַליין נעמט אונז אַלעמען אַרויס. און עס איז דאָ אַ גרויסע מִצְוָה צו דערציילן און דאַנקען דעם אויבערשטן אויף אַלע נִסִּים וואָס דער באַשעפער מאַכט מיט אונז פערזענליך, אַזוי ווי מיר קוקן אויס, מיט דעם אַלעם, האָט דער באַשעפער אונז שוין געטון אַזויפיל נִסִּים,



וואָס מיר אַלע קענען פאַרציילן די נִסִּים וואָס איז אונז געשען סיי בְּגַשְׁמִיּוּת און בְּעִקָּר אין רוּחָנִיּוּת. מען דאַרף אַרויסזאָגן מיטן מויל אַלע וואונדער וואָס איז אַריבער אויף אונז, מיר וועלן דאַנקען דעם אויבערשטן אויף אַלע מַתָּנוֹת און אַרויסזאָגן: "באַשעפער איך דאַנק דיר, האָסט מיר געהאָלפן אין די זאַך, איך לויב דיר האָסט מיר געהאָלפן אין די זאַך"

אין דעם זאַך וועט זיך אונזער קִיּוּם הַתּוֹרָה, סיי דעם יְצִיאַת מִצְרַיִם ווען מיר זענען אַרויס פון אַזאַ גראָבן קְלִיפָּה און אַלע אידן האָבן געדאַנקט דעם באַשעפער ווי די תּוֹרָה דערציילט: "וַיִּקֹּד הָעָם וַיִּשְׁתַּחֲווּ", זיי האָבן זיך געבוקט אַזוי ווי מען בוקט זיך ביי מוֹדִים, טראָץ וואָס זיי זענען נאָך געווען אין פַּרְעֹה'ס הענט, האָבן זיי שוין אָנגעיאָגט צו מאַכן אַ הוֹדָאָה, האָט זיך שוין אָנגעהויבן די גְאוּלָה.

אַזוי געשעט אויך ווען אַ איד, בִּפְרָטִיּוּת, דאַנקט



המשך אויף זייט 7

# איין מעשה'לע



*דער באשעפער באווייזט וואונדער*
*פאר זיינע ליבע קינדער*

## הַצִּילָה מִיַּד כֶּלֶב

אִיךְ הֵייס שִׁמְעוֹן, אִיךְ וואוין אִין בֵּית שֶׁמֶשׁ. אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט דֶערְצֵיילְן אַ פַּחַד׳יגֶע מַעֲשֶׂה, וָואס מֶען זֶעט פוּן דֶעם אַז תְּפִלָּה הֶעלְפְט גְלַייךְ. נֶעבְּן אוּנְזֶער שְׁטוּבּ אִיז פַארְהַאן אַ לַאנְגֶע רֵייעֶ טְרֶעפּ וואוּ עֶס קֶענֶען זִיךְ צוּמָאל גֶעפִינֶען אַרַאבֶּער. אֵיינְמָאל וֶוען אִיךְ בִּין אַרִיבֶּער דָארְט הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעטְרָאפְן אַן אַרַאבֶּער מִיט אַ גְרוֹיסֶע הוּנְט, דֶער אַרַאבֶּער הָאט גֶעזֶען אַז אִיךְ הָאבּ מוֹרָא. אִיךְ הָאבּ מִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן אוּן דָאס מַמָּשׁ נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיסְהַאלְטְן, הָאבּ אִיךְ גֶעמַאכְט אַ תְּפִלָּה צוּ אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער הוּנְט זָאל מִיךְ נִישְׁט קֶענֶען שֶׁעדִיגְן. פְּלוּצְלוּנְג הָאט דֶער הוּנְט אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיר נָאכְצוּלוֹיפְן. צוּמָאל מֵיינְט מֶען אַז מֶען טָאר נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן, אָבֶּער ס׳אִיז אַ נָארְמַאלֶע זַאךְ זִיךְ צוּ דֶערְשְׁרֶעקְן אוּן דָאס בִּין אִיךְ טַאקֶע גֶעוֶוען, דֶערְשְׁרָאקְן.

אִיךְ הָאבּ אַרָאפְּגֶעטַאנְצְט דִי גַאנְצֶע שׁוּרָה טְרֶעפּ אוּן גֶעלָאפְן צוּ אוּנְזֶער שְׁטוּבּ בְּלַאס ווִי דִי וואנט. אִינְמִיטְן לוֹיפְן הֶער אִיךְ ווִי דֶער אַרַאבֶּער שְׁרֵייט צוּם הוּנְט אַז עֶר זָאל צוּרִיקְקוּמֶען. אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען נָאכְדֶעם וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער הוּנְט זָאל מִיר שׁוֹין נִישְׁט נָאכְלוֹיפְן.

## דֶער גְרוֹיסֶער שַׁדְכָן

אִיךְ ווִיל דֶערְצֵיילְן דָא אַ מַעֲשֶׂה וָואס אִיז פָּארְגֶעקוּמֶען אַמָאל וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַ שְׁוֶועסְטֶער אִין שִׁידוּכִים אוּן ס׳אִיז אִיר נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען אַזוֹי גְרִינְג. דִי יָארְן הָאבְּן זִיךְ שְׁנֶעל גֶערוּקְט אוּן קַיין פַּאסִיגֶע זַאךְ אִיז נָאכְנִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען. זִי אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ ווָאוֹילֶע מֵיידְל אָבֶּער נָאכַאלְץ אִיז זִי נִישְׁט קַיין כַּלָּה גֶעוָוארְן.

מַיין מַאמֶע אִיז אַ שַׁדְכָנְ׳טֶע. צוּמָאל הָאט זִי גֶעקֶענְט הָאבְּן חֲלִישַׁת הַדַּעַת וֶוען זִי הָאט גֶעזֶען ווִי בַּיי אַנְדֶערֶע פְלִיֶען שִׁידוּכִים, כְּאִילוּ בַּיי זֵיי גֵייט אַלֶעס אַזוֹי גְרִינְג. ס׳הָאט אוֹיסְגֶעקוּקְט ווִי ס׳גֵייט אוּן ס׳קוּמְט, אִין בְּרֶסְלֶב פָּארְן שִׁידוּכִים אַ מְחַיֶּה...

אִיךְ הָאבּ נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ בֶּעטְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל צוּשִׁיקְן אַ פַּאסִיגֶע שִׁידוּךְ. כְ׳הָאבּ גֶעווֵיינְט מַמָּשׁ יֶעדְן טָאג בַּיים דַאוֶוענֶען אוּן מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען. מַיין מַאמֶע הָאט מִיר גֶעזָאגְט: ״הֶער נִישְׁט אוֹיף צוּ בֶּעטְן, בֶּעט נָאכְאַמָאל, נָאכְאַמָאל - הֶער נִישְׁט אוֹיף!״

אֵיין טָאג הָאבּ אִיךְ מִיטְגֶעהַאלְטְן ווִי מַיין מַאמֶע גֶעבְּט זִיךְ אָפּ מִיט עֶפֶּעס אַ שִׁידוּךְ. דֶער בָּחוּר אִיז גֶעוֶוען מַמָּשׁ אַ תַּכְשִׁיט, זֵייעֶר אַ ווָאוֹילֶער בָּחוּר אוּן עֶפֶּעס אִיז עֶס נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען, הָאבּ אִיךְ גֶעגֶעבְּן אַ זָאג פַאר מַיין מַאמֶען: ״אֶפְשָׁר אִיז דָאס גוּט פַאר אוּנְז - פַאר אוּנְזֶער שְׁוֶועסְטֶער?״ מַיין מַאמֶע הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק אַרַיינְגֶענוּמֶען דֶעם גֶעדַאנְק. מֶען הָאט עֶס אָנְגֶעטְרָאגְן אוּן דִי קוּמֶענְדִיגֶע טָאג הָאט מֶען גֶעטְרוּנְקֶען לְחַיִּים!

**״מַזָּל טוֹב! מַזָּל טוֹב!״**

**יִישַׁר כֹּחַ פַאר אַזַא הֵיילִיגֶע מַעֲרֶכֶת פוּן דֶעם רֶבִּי׳נְס לִיכְט.**

# איין מעשה'לע

## אַ גֶעימְבָּאר!

דִי שֶׁענְסְטֶע מַתָּנָה וָואס דוּ הָאסְט מִיר גֶעקֶענְט שֶׁענְקְן!" הָאט מַיין בְּרוּדֶער אוֹיסְגֶערוּפְן בַּאגַייסְטֶערְט אִיבֶּערְנֶעמְעְדִיג דִי מַתָּנָה פוּן אַ קָרוֹב פוּן אַמֶערִיקֶע. אִין זַיין מַצָּב אִיז דָאס גֶעוֶוען דִי שֶׁענְסְטֶע מַתָּנָה, אוּן דֶער מַתָּנָה-גֶעבֶּער הָאט גֶעהַאט נָאר גוּטֶע כַּוָּנוֹת אַז מִיט דֶעם זָאל עֶר זַאט וֶוערְן אוּן נִישְׁט זוּכְן עֶרְגֶערֶע אוּנְטֶערְהַאלְטוּנְגֶען. אָבֶּער פַאר מִיר הָאט דָאס גֶעקְרֶענְקְט. אַזַא מַתָּנָה צוּ גֶעבְּן פַאר אַ אִידִישׁ קִינְד?! גֶעוַואלְד!

בָּרוּךְ אִיז גֶעזֶעצְן מִיט זַיין 'מַתָּנָה' אַ גַאנְצְן טָאג אוּן אוֹיךְ אַ הַאלְבֶּע נַאכְט. אָדֶער פַארְקֶערְט, אַ גַאנְצֶע נַאכְט אוּן דִי הַאלְבֶּע טָאג וָואס עֶר אִיז נִישְׁט גֶעשְׁלָאפְן... מִיט דֶעם הָאט עֶר גֶעגֶעסְן, גֶעאָטֶעמְט אוּן גֶעשְׁפִּילְט יֶעדֶע מִינוּט. אוּן אִיךְ פוּן זַייט הָאבּ גֶעבִּיסְן דִי לִיפְּן אוּן גֶעשְׁוִויגְן. נִישְׁט מַמָּשׁ אַזוֹי. פַאר בָּרוּךְ הָאבְּן מִיר טַאקֶע גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט זָאגְן אָבֶּער פַארְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן הָאבְּן מִיר נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ זָאגְן אוּן דַאוֶוענֶען אַז אוּנְזֶער טַייעֶרֶע זוּן/בְּרוּדֶער זָאל זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּם טַאטְן אִין הִימְל.

"מֶען פָארְט," הָאבְּן מַיינֶע עֶלְטֶערְן גֶעמָאלְדְן.

עֶס הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַ נְסִיעָה צוּם קֶבֶר פוּן הַתַּנָּא רֶבִּי מַתְיָא בֶּן חָרָשׁ. סְ'אִיז אַ סְגוּלָה צוּ אוֹיסְבֶּעטְן דָארְט אַ שִׁידוּךְ אוּן אִיךְ הָאבּ זִיךְ דַאן גֶענוֹיטִיגְט אִין אַ זִיווּג נָאכְן מִיטְמַאכְן אַ פָארְצִיעֶ בִּיטֶערֶע מָרוֹר הָאבּ אִיךְ יֶעצְט גֶעוָואלְט אוֹיסְ'פּוֹעֶלְ'ן אַ זִיס לֶעבְּן.

מִיר קוּמֶען אָן צוּם אַרַאבִּישְׁן דֶערְפְל וואוּ דֶער הֵיילִיגֶער קֶבֶר גֶעפוּנְט זִיךְ. דֶער וֶועג אָנְצוּקוּמֶען אַהִין אִיז גָארְנִישְׁט אַזוֹי פָּשׁוּט, מֶען דַארְף דוּרְכְגֵיין אַ שְׁטִיקְל וֶועלְדְל. עֶרְגֶעץ אִינְצְוִוישְׁן אִיז דָא אַ מְעָרָה וואוּ דֶער תַּנָּא לִיגְט. מֶען קֶען זֶען דִי עֶפֶענוּנְג וָואס זֶעט אוֹיס וִוי אַ לָאךְ אִין דֶער עֶרְד.



מערה העכערן קבר פון
רבי מתיא בן חרש

עֶנְדְלִיךְ טְרֶעפְן מִיר דָאס פְּלַאץ. אִיךְ זִיךְ אַ בֶּענְקְל אָדֶער אֲפִילוּ עֶפֶּעס אַ שְׁטֵיין אוֹיף וָואס זִיךְ אַרָאפְּצוּזֶעצְן אָבֶּער גָארְנִישְׁט אִיז גֶעוֶוען בְּנִמְצָא. אֲפִילוּ אַ צֶעבְּרָאכֶענֶע בֶּענְקְל וָואלְט מִיר גֶעוֶוען אַ יְשׁוּעָה. אִיךְ קוּק זִיךְ אַרוּם אוּן אִיךְ טְרֶעף אַ רֶער אִין זַייט. אִיךְ טְרַאכְט נִישְׁט קַיין צְוֵויי אוּן אִיךְ זֶעץ זִיךְ אַוֶועק מִיט מַיין אוֹיסְגֶעגֶעלְטֶע תְּהִלִּים אִין הַאנְט. עֶס וָואלְט זִיךְ גֶעקֶענְט דַאכְטְן אַז אִיךְ הָאבּ גֶעוֵויינְט אוֹיף מַיינֶע צָרוֹת אוּן גֶעבֶּעטְן אוֹיף אַ יְשׁוּעָה אָבֶּער נֵיין, אִין יֶענֶע מִינוּט הָאבּ אִיךְ אִינְגַאנְצְן פַארְגֶעסְן פוּן מַיין פֶּעקְל, נָאר מַיין בְּרוּדֶערְ'ס גָלוּת אִיז מִיר גֶעשְׁטַאנֶען פַאר דִי אוֹיגְן. עֶס הָאט זִיךְ מִיר גֶעעֶפְנְט דִי קְוַואל טְרֶערְן אוּן אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ פַארְגִיסְן טַייכְן טְרֶערְן אַז מַיין בְּרוּדֶער זָאל זִיךְ אָפְּלָאזְן פוּן זַיין טֵייעֶרְן 'מַתָּנָה'...

אַזוֹי אִיז אַרִיבֶּער אַ הַאלְבֶּע שָׁעָה וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעוֵויינְט אוּן מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען אוּן דִי צַייט אִיז אוֹיסְגֶעלָאפְן, מַיין פֶּעטֶער, דֶער דְרַייוֶוער אִיז אוּנְז שׁוֹין גֶעקוּמֶען אָפְּנֶעמֶען. עֶר דֶערְנֶענְטֶערְט זִיךְ צוּם קֶבֶר אוּן עֶר לָאזְט אַרוֹיס אַן הִיסְטֶערִישְׁן קְוִויטְשׁ.

"אוֹיף דֶעם בִּיסְטוּ גֶעזֶעצְן?" הָאט עֶר גֶעוִויזְן אוֹיף דֶעם רֶער, "לוֹיפְטְס אַוֶועק! אָבֶּער שׁוֹין! דָאס אִיז אַ גִיפְטִיגֶע שְׁלַאנְג...!" עֶר קֶען זִיךְ אוֹיס מִיט שְׁלֶענְג אוּן עֶר הָאט גְלַייךְ בַּאמֶערְקְט דִי דְרַיי עֶקִיגֶע קָאפּ. "דָאס אִיז זַייעֶר אַ גִיפְטִיגֶע שְׁלַאנְג פוּן דִי עֶרְגְסְטֶע סָארְט," הָאט עֶר בַּאשְׁטֶעטִיגְט. דֶער שְׁלַאנְג אִיז גֶעלֶעגְן אוֹיסְגֶעצוֹיגְן נֶעבְּן אַן אֶמֶת'ן רֶער, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז דָאס אִיז אַ חֵלֶק פוּנֶעם רֶער.

מִיר הָאבְּן גֶעכַאפְּט הֶענְט אוּן פִּיס אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ לוֹיפְן מִיט קְלַאפֶּעדִיגֶע הֶערְצֶער. קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיבּ מֶען הָאט גָארְנִישְׁט פַארְגֶעסְן דָארְט, מֶען אִיז גֶעלָאפְן פַארְן לֶעבְּן. אוּנְזֶערֶע הֶענְט אוּן פִּיס הָאבְּן גֶעטְרֵייסְלְט. "אַזַא נֵס!" הָאבְּן מִיר אַלֶע אוֹיסְגֶערוּפְן אָנְקוּמֶענְדִיג צוּ אַ זִיכֶערֶער אָרְט. עֶס אִיז גֶעוֶוען קְלָאר אַז דִי פַּרְשָׁה וָואלְט זִיךְ גֶעקֶענְט עֶנְדִיגְן מִיט אַ קַאטַאסְטְרָאפֶע.

מֶען הָאט זִיךְ בַּאקְוֶועם גֶעמַאכְט אִין וֶוען אוּן דֶער שְׁמוּעֶס הָאט זִיךְ וַוייטֶער גֶעצוֹיגְן אִיבֶּער דֶעם גֶעשֶׁעעֶנִיש בִּיז מֶען אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַ שְׁמוּעֶס אוֹיבּ מֶען מֶעג צוּרִיקְגֵיין צוּ אַ קֶבֶר צְוֵויי מָאל אִין אֵיין טָאג. מַיין מַאמֶע הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן אַז זִי וֵוייסְט פוּן אֵיינֶער וָואס אִיז צוּרִיקְגֶעקוּמֶען צוּ אַ קֶבֶר צוּ אָפְּנֶעמֶען זַיין טַייסְטֶער אוּן עֶס הָאט עֶפֶּעס נִישְׁט גוּט פַּאסִירְט. (יֶעדֶער זָאל פְרֶעגְן זַייעֶר רַב דֶערְוֶועגְן).

"אוֹי וַויי!" הָאט זִיךְ אִין יֶענֶע מִינוּט גֶעהֶערְט אַ וַויי גֶעשְׁרֵיי פוּן בָּרוּךְ.

"וָואס אִיז גֶעשֶׁען?" הָאבְּן אַלֶע אוֹיסְגֶעדְרֵייט דִי קָאפּ צוּ זַיין זַייט.

"מַיין גֶעיִמְבָּאוּ!" הָאט עֶר גֶעיָאמֶערְט.




פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז עֶר הָאט מִיטְגֶענוּמֶען זַיין גֶעיִמְבָּאוּ צוּם קֶבֶר, וָואס דֶען? עֶר קֶען זִיךְ דָאךְ נִישְׁט שֵׁיידְן דֶערְמִיט אֲפִילוּ פַאר אֵיין מִינוּט אָבֶער יֶעצְט הָאט עֶר זִיךְ דֶערְמַאנְט אַז עֶר הָאט עֶס פַארְגֶעסְן בַּיים קֶבֶר פוּן רֶבִּי מַתְיָא בֶּן חָרָשׁ. עֶר אַלֵיינְס הָאט נִישְׁט גֶעווּאוּסְט וִוי אַזוֹי עֶס הָאט גֶעקֶענְט פַּאסִירְן אַזַא זַאךְ אַז עֶר זָאל עֶס אִיבֶּערְלָאזְן עֶרְגֶעץ, עֶר לָאזְט עֶס דָאךְ נִישְׁט אַרוֹיס פוּן זַיינֶע הֶענְט אֲפִילוּ פַאר אַ מִינוּט. אָבֶער דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי מַעֲשֶׂה.

פוּן צוּרִיקְגֵיין נָאךְ דִי אֲבֵידָה אִיז דָאךְ נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין רֶעדֶע, סַיי וֶועגְן דֶער גִיפְטִיגֶע שְׁלַאנְג וָואס הָאט זִיךְ דָארְט גֶעפוּנֶען אוּן סַיי וֶועגְן דִי קְפֵידָה פוּן נִישְׁט צוּרִיקְגֵיין צוּ אַ קֶבֶר צְוֵויי מָאל.

אוּן מִיט דֶעם הָאט זִיךְ גֶעעֶנְדִיגְט דִי 'פַּרְשַׁת גֶעיִמְבָּאוּ'! מֶער הָאט עֶר נִישְׁט גֶעהַאט דִי שְׁטוּתִים מִיט וָואס צוּ פַארְוַוייְלְן. מַיינֶע תְּפִלּוֹת זֶענֶען אָנְגֶענוּמֶען גֶעוָוארְן.

(מעשה שהיה, געהערט פון א משפחה מיטגליד)

# א שמועס מיט'ן זיידן




**זֵיידֶע:** בֶּערֶעלֶע, בֶּערֶעלֶע, דֶער יוֹם טוֹב פֶּסַח קוּמְט שוֹין צוּגֵיין... אַלֶע גְרֵייטְן זִיךְ מִיט פְּלַייס. מֶען אַרְבֶּעט אַרַיין, מְ'רֵייניקְט און מְ'שְׁלֶעפְּט. דָאךְ טָאר מֶען נִישְׁט פַארְגֶעסְן דִי דִיבּוּרִים פוּן ר' נָתָן, "ווִי נֶעמְט מֶען דֶעם פֶּסַח אַלֵיין?!.... מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן זוֹכֶה זַיין צוּ פֶּסַח.

**בֶּערֶעלֶע:** זוֹכֶה זַיין צוּ פֶּסַח?! אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז ווִי נִישְׁט ווִי ווֶעט, פֶּסַח קוּמֶען...

**זֵיידֶע:** פְרֶעגְסְט דָאךְ גוּט, ווַייסְטוּ בֶּערֶעלֶע וָואס אִיז דָאס פֶּסַח? 'פֶּה – סָח', אוּם פֶּסַח קֶען מֶען בַּאקוּמֶען אַ מוֹיל. און נִישְׁט סְתָּם אַ מוֹיל ווִי אַ נַייעֶ גֶעבּוֹירֶענֶע בֶּעיבִּי, נָאר אַ מוֹיל וָואס רֶעדְט הֵיילִיגֶע דִיבּוּרִים, וָואס רֶעדְט זִיךְ אוֹיס צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, צוּ דֶעם אִיז פֶּסַח אַ צַייט וָואס מֶען קֶען אוֹיסְגֶעלֵייזְט ווֶערְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז אַלֶע גָלוּתְ'ן וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף כְּלַל יִשְׂרָאֵל ווֶערְן אָנְגֶערוּפְן גָלוּת מִצְרַיִם ווַייל מִצְרַיִם אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן מֵצַר – אַן עֶנְגְשַׁאפְט. אָבֶער פֶּסַח קֶען יֶעדֶער אִיד, אֲפִילוּ דוּ און אִיךְ, זוֹכֶה זַיין אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן גָלוּת – אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין עֶנְגְשַׁאפְט וואוּ עֶר גֶעפִינְט זִיךְ.

**בֶּערֶעלֶע:** וָואס, זֵיידִי? אַלֶע מֶענְטְשְׁן הָאבְּן עֶנְגְשַׁאפְט?

**זֵיידֶע:** אַווּדְאַי, דֶער בַּעַל דָבָר דְרֵייט אַרוּם אַז יֶעדֶער זָאל מֵיינֶען אַז נָאר פַאר אִים אִיז שְׁווֶער, נָאר אוֹיף אִים גֵייט אִיבֶּער, און פַאר אַלֶע אַרוּם גֵייט אַלֶעס זֵייעֶר גוּט. דִי ווֶעלְט זָאגְט: "עֶס דאכְט זִיךְ אַז בַּיי יֶענֶעם לַאכְט זִיךְ... עֶפְּן אוֹיף דִי טִיר ווֶעסְטוּ זֶען אַז סְ'אִיז פּוּנְקְט ווִי בַּיי דִיר!"

ר' נָתָן שְׁרַייבְּט דָאס אָן אַ שִׁיעוּר מָאל פַאר זַיין זוּהְן צְווִישְׁן דִי בְּרִיוְון, אַז דִי ווֶעלְט אִיז פִיל מִיט יִסוּרִים און יְגוֹנוֹת, יֶעדֶער הָאט שְׁווֶעריקְקֵייטְן און נִסְיוֹנוֹת, און מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט אַרוֹיסְדְרַייעֶן פוּן דֶעם ווַייל דָאס אִיז דִי ווֶעלְט! פַאר אֵיינֶעם פֶעלְט גֶעלְט, דֶער צְווֵייטֶער אִיז צֶעפְלוֹיגְן און טְרֶעפְט נִישְׁט זַיינֶע זַאכְן, דֶער דְרִיטֶער אִיז אַלֵיין - עֶר הָאט נִישְׁט קַיין חֲבֵרִים, דֶער פֶערְטֶער אִיז אַ כַּעְסָן יֶעדֶע שְׁטוּת מַאכְט אִים נֶערְוֶועז... דָא אִיז דָא אַ אִינְגְל וָואס אִיז צֶעבְּרָאכְן ווַייל מְ'שְׁרֵייט אוֹיף אִים אִין שְׁטוּבּ, דָארְט אַ אִינְגְל וָואס הַאלְט נִישְׁט מִיט דָאס לֶערְנֶען, און אַזוֹי ווַייטֶער. פוּן יֶעדֶע ווִינְקְל שְׁרֵייט אַרוֹיס אַן אַנְדֶערֶע קְרֶעכְץ.

**בֶּערֶעלֶע:** סְ'אִיז אַזוֹי רִיכְטִיג, אָבֶער קֵיינֶער רֶעדְט נִישְׁט דֶערְפוּן.

**זֵיידֶע:** יָא יָא, דָאס אִיז דִי פַאלְשְׁקֵייט פוּן דִי ווֶעלְט. אָבֶער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, עֶר רֶעדְט יָא דֶערְוֶועגְן! עֶר גִיבְּט אוּנְז אַ הָאפֶענוּנְג, עֶר לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס אַז מֶען קֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן מִצְרַיִם! אַזוֹי ווִי אִין מִצְרַיִם הָאט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער גֶעשִׁיקְט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ עֶר זָאל שְׁטַארְקְן דִי אִידְן אַז אָט אָט גֵייט דֶער בַּאשֶׁעפֶער זֵיי אוֹיסְלֵייזְן, כָאטְשׁ עֶס הָאט אוֹיסְגֶעזֶעהְן אַז עֶס ווֶערְט נָאר עֶרְגֶער און פַּרְעֹה מַאכְט נָאר שְׁווֶערֶער דִי אַרְבֶּעט, דָאךְ ווֶער עֶס הָאט גֶעגְלוֹיבְּט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ און זִיךְ דֶערְהַאלְטְן מִיטְן הָאפֶענוּנְג, אִיז צוּם סוֹף טַאקֶע אוֹיסְגֶעלֵייזְט גֶעוָוארְן, אַזוֹי אוֹיךְ הַיינְטִיגֶע צַייטְן

שִׁיקְט אוּנְז דֶער בַּאשֶׁעפֶער דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים וָואס קוּמֶען אוּנְז שְׁטַארְקְן אוּן שְׁרֵייעֶן צוּ יֶעדְן אִיד: "גֶעוַואלְד קֵיין יֵאוּשׁ אִיז נִישְׁט פַארְהַאן!" זַיי זִיךְ נִישְׁט מְיָאֵשׁ, וַוארְט צוּ נָאךְ אַבִּיסְל, בֶּעט אוּן הָאף צוּם בַּאשֶׁעפֶער ווייל עֶר גֵייט דִיר צוּם סוֹף זִיכֶער אוֹיסְלֵייזְן פוּן אַלֶע דַיינֶע שְׁוֶועריגְקֵייטְן, אוּן וֶוער עֶס גְלוֹיבְּט אִין דֶעם צַדִּיק אוּן שְׁטַארְקְט זִיךְ צוּ בֶּעטְן אוּן הָאפְן צוּ זַיין יְשׁוּעָה וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּם סוֹף בֶּאֱמֶת אוֹיסְגֶעלֵייזְט וֶוערְן בְּרוּחָנִיּוּת אוּן בְּגַשְׁמִיּוּת.

**בֶּערֶעלֶע:** זֵיידִי, אַזַא לִיכְטִיגְקֵייט! דָאס אִיז שׁוֹין אִינְגַאנְצְן אַן אַנְדֶערֶע יוֹם טוֹב פֶּסַח....

**זֵיידֶע:** רִיכְטִיג דָאס אִיז דֶעם רֶבִּינְ'ס לִיכְט! דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַסַאךְ גֶעוֵויינְט אוּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, וָואס אִיז דָאס טַלִּית? צִיצִית? וָואס אִיז דָאס פֶּסַח, סֻכּוֹת שַׁבָּת א.א.וו בִּיז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מַשִּׂיג זַיין דִי אֱמֶתְ'ע אִינֶעוֵוייניגְסְטֶע כַּוָּונָה פוּן אַלֶע זַאכְן.

מֶען דֶערְצֵיילְט אַז אֵיינֶער הָאט אַמָאל גֶעבֶּעטְן פוּן רֶבִּי'ן צוּ בָּארְגְן דֶעם טַלִּית. הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל הִיטְן אוֹיפְן טַלִּית, ווייל וִויפִיל פֶעדִימֶער עֶס הֶענְגְט פוּנֶעם טַלִּית אַזוֹי פִיל טְרֶערְן הָאט עֶר פַארְגָאסְן צוּ זוֹכֶה זַיין צוּ וִויסְן וָואס מֵיינְט טַלִּית! דָאס אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע זַאךְ! אוּן אָט דִי אַלֶע הֵיילִיגֶע הַשָּׂגוֹת הָאט אוּנְז דֶער רֶבִּי גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה. וֶוער עֶס לֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים קֶען בַּאקוּמֶען דַּעַת אוּן אַבִּיסְל הַשָּׂגָה וָואס דָאס מֵיינְט פֶּסַח, וָואס מֵיינְט סְפִירַת הָעֹמֶר אוּן אַלֶע הֵיילִיגֶע לִיכְטִיגֶע טֶעג, הַבָּאִים עָלֵינוּ לְטוֹבָה.

## דער ריינער קוואל

המשך פון זייט 2

דֶעם בַּאשֶׁעפֶער פַאר זַיינֶע פְּרִיוַואטֶע נִסִּים, מֶען הָאלְט דֶעם בֶּעכֶער אִין דֶער הַאנְט אָנְגֶעטוֹן מִיטְן קִיטְל, אוּן מֶען דֶערְצֵיילְט קוֹדֶם דִי נִסִּים פוּן מִצְרַיִם אוּן דִי נִסִּים פוּן אַלֶע דוֹרוֹת, 'עוֹמְדִים עָלֵינוּ לְכַלּוֹתֵינוּ', אַסַאךְ שְׁוֶוערֶע קְלִפּוֹת שְׁטֵייעֶן אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער, צוּ אִיז עֶס הָמָן, אַנְטִיוֹכוּס, בִּיז הַיינְטִיגֶע צַייטְן וֶוען אַלֶע שׂוֹנְאֵי יִשְׂרָאֵל ווִילְן אוּנְז פַארְלֶענְדְן בְּגַשְׁמִיּוּת אוּן בְּעִקָּר בְּרוּחָנִיּוּת, פַארְשִׁידֶענֶע גְזֵירוֹת אוּן שְׁטֶערוּנְגֶען, מְנִיעוֹת וָואס מִיר הָאבְן.

אָבֶער אַז מֶען דַאנְקְט דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי נִסִּים, מֶען זִינְגְט אוּן מֶען לוֹיבְּט, מֶען זָאגְט הַלֵּל שָׁלוֹם, וּבְשֵׁם הַשֵּׁם אֶקְרָא, אִיךְ רוּף נָאר צוּ דִיר בַּאשֶׁעפֶער אוּן דַאנְק דִיר פַאר מַיין פְּרִיוַואטְן גְאוּלָה. אֲפִילוּ 'כֻּלָּנוּ חֲכָמִים, כֻּלָּנוּ נְבוֹנִים', מִיר קֶענֶען שׁוֹין דִי תּוֹרָה, פָּארְט, 'מִצְוָה עָלֵינוּ לְסַפֵּר'. אַז מֶען לוֹיבְּט אוּן דַאנְקְט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער עֶפְּנְט עֶר אוּנְז אוֹיף דִי טִיר אוּן נֶעמְט אוּנְז אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם, בִּיז מֶען קֶען זֶען ווִי מֶען גֵייט אַרוֹיס פוּן דָארְט, אַז דִי מוֹיל אוּן הַארְץ עֶפֶּענֶען זִיךְ אוֹיף, אוּן מֶען קֶען מַמְשִׁיךְ זַיין דִי שִׂמְחָה אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל טַאקֶע הֶעלְפְן אַז בִּזְכוּת דִי עֵצָה פוּן הַלֵּל וְהוֹדָאָה זָאלְן מִיר שׁוֹין אַרוֹיסְגֵיין פוּן אוּנְזֶער גָלוּת הַפְּרָטִי וְהַכְּלָלִי, מִיר זָאלְן שׁוֹין קֶענֶען זָאגְן דֶעם 'שִׁיר חָדָשׁ עַל גְאוּלָּתֵינוּ וְעַל פְּדוּת נַפְשֵׁנוּ', אוּן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ זָאל הֶעלְפְן אַז דֶעם רֶבִּי'נְס אוֹר, דֶעם רֶבִּינְ'ס דַּעַת זָאל אַרַיינְגֵיין אִין דֶער וֶועלְט, שִׂמְחָה מִיט נְקוּדּוֹת טוֹבוֹת דִי עֵצוֹת ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן, מִיט דִי אַלֶע עֵצוֹת קֶען מֶען מְקַיֵּים זַיין דִי תּוֹרָה מֶער אוּן מֶער. זָאלְן מִיר שׁוֹין זוֹכֶה זַיין וָואס דֶער פָּסוּק זָאגְט "כִּי בְשִׂמְחָה תֵצֵאוּ וּבְשָׁלוֹם תּוּבָלוּן" (ישעיהו נה, יב) נָאךְ דָאס יָאר אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ הַשְּׁלִישִׁי, אָמֵן וְאָמֵן.




די קאכעדיגע הכנות צום יום טוב פסח וואס שטייט אונטערן טיר דערקענט זיך גוט אן אין די אידישע הייזער אין שטאט ברסלב, די געשיקטע עקרת הבית ענדיגן שוין אויסרייבן די האלצערנע פאדלאגעס און די שויבן פון די פענסטער. ווען די טאטעס פלאגן זיך צו רייניגן די ספרים און די לעצטע רעשטלעך וואס איז נאך פארבליבן לכבוד דעם חג החירות.

עס איז געווען דער לעצטער טאג פונעם יריד בעפאר פסח. די פארקויפער גייען שוין אט צאמפאקן זייער געפעק, אלע טישלעך וועלן ווערן צאמגעלייגט, אלע ירקות און צוגעהער וואס מען דארף האבן פאר פסח וועט ווערן אוועקגעלייגט. די לעצטע קונים וואס האבן נאכנישט אנגעיאגט צו ענדיגן איינהאנדלען זייערע געברויכן איילן זיך שנעל צו, איבערהויפט די נשים צדקניות וועלכע זענען יעצט פארנומען מיט זייערע לעצטע הכנות צום הייליגן יום טוב פסח זענען אין א געיעג. מען קוקט איבער די פראדוקטן צו מאכן זיכער אז מען האט אלעס ווייל וואס מען האט פארגעסן (אדער נישט געהאט קיין געלט) צו קויפן, וועט שוין נישט זיין צו באקומען פאר פסח, ביז דער מארק עפנט זיך ווידער.

ממש נעבן דעם יריד, שטייט דאס הייזקע פון משפחת שטערנהארץ. אויפן בוידעם זיצט ר׳ נתן און גרייט צו זיין הארץ און זיין נשמה צום הייליגן יום טוב. ער האט זיך געוואלט שטעלן דאווענען שחרית און זיין רעבעצין מרת דישל ע"ה וועלכע איז שוין געווען געוואוינט צו די אמונה און בטחון און הסתפקות במועט מיט וועלכע איר גרויסער מאן לעבט. אבער דאס מאל זעט אויס איז דער נסיון געווען אסאך גרעסער האט זי אים שטארק געבעטן ער זאל זען צו פארשאפן אפאר רובל צו קענען איינקויפן לכבוד יום טוב.

אבער ווי נאר ר׳ נתן האט אנגעהויבן מיט זיין סדר היום, זיין ווארימע דאווענען צום באשעפער מיטן הארץ און כח, איז ער געווארן געשטארקט מיט אמונה און בטחון אין באשעפער. ר׳ נחמן טולטשינער וועלכער האט דאס אלעס צוגעזען האט זיך שפעטער אויסגעדריקט אז נאכן דאווענען האט מען געקענט זען א דראסטישע טויש אויף ר׳ נתנ׳ס פנים. ער האט אויסגעקוקט ווי איינער וואס איז אים שוין ערפילט געווארן אלע זיינע בקשות.

די מינוטן לויפן פאראויס. מען דארף זיך צויאגן אבער ר׳ נתן איז זייער רואיג - ער האט געהאט פארוואס. צו ר׳ נתן אין שטוב זענען אריינגעקומען עטליכע פון זיינע חסידים פון שטעטל ריירויד, וועלכע זענען געקומען האנדלען אין ברסלב. איניינוועגס האבן זיי מיטגעברענגט פאר ר׳ נתן א שיינע סומע געלט.

די רעביצין האט זיך נישט פארזוימט. מיט שנעלע טריט איז זי ארויסגעלאפן צום מארק און נאך אנגעיאגט די טישלעך. די געלט איז געווען גענוג צו דעקן אלע הוצאות יום טוב.

ר׳ נחמן טולטשינער זייענדיג דער משמש פון ר׳ נתן האט טאקע דעם חלק אויך צוגעזען און שפעטער פארציילט אז מען האט נישט געזען קיין שום שינוי אויף ר׳ נתן נאכדעם וואס ער האט באקומען די מתנה. עס איז ביי אים געווען אזוי פשוט אז דער אויבערשטער האט צוגעהערט זיין תפלה און זיין ישועה וועט זיכער קומען.

ר׳ נתן האט געזאגט: "די סיבה פארוואס דער אויבערשטער האט מיר געהאלפן אויף מיינע עלטערע יארן, איז ווייל איך האב אזויפיל תפלות געמאכט אין משך פון מיינע יארן, אז איך קען גארנישט טון איידער איך בעט א תפלה פון אויבערשטן דערויף.




**חודש ניסן תקצ"ה, ברסלב**

די בני בית פון רבי נתן דרייען זיך ארום אין הויז פארסאפעט, א קליינינקייט? דער לוח האט געוויזן אז דער יום טוב פסח דערנענטערט זיך שוין, מען דארף אנהייבן צו אויסרייניגן דאס הויז און אנהייבן גרייטן די מאכלים פארן יום טוב און דער סדר נאכט.

אינמיטן די העפטיגע הכנות האט זיך געהערט א זעץ אין טיר. אן קיין פריערדיגע מעלדונג האבן ארײנשפאצירט אין הויז א מחנה ערלים. די בני בית פון רבי נתן האבן קוים געהאט צייט צו כאפן וואס דא קומט פאר און שוין האבן די חברה זיך היימיש געמאכט ביי אים אין שטוב. זיי האבן פלייסיג אפגעלאדענט גאנצע פישקעס פון שטיוול און שיך, און קאסטענס אנגעפילט מיט ארבעטס געצייג. די גאנצע הויז איז געווארן אנגעלייגט מיט הויפענס שטיוול און שיך מיט פעל און לעדער. אן צו בעטן רשות פון די בעלי בתים האבן זיי זיך באקוועם געמאכט אין רבי נתן'ס צימערן וואס מען פלעגט ניצן פאר'ן בית המדש ווען די חסידים זענען זיך צאמגעקומען, און האבן דארט אויפגעשטעלט א שיסטעריי.

"געוואלד! וואס גייט דא פאר?" האבן די בני בית פון רבי נתן, נישט אויסגעהאלטן, "ווער זענען די אומגעוואונטשענע געסט דא? מען דארף רופן די פאליציי זיי צו פארטרייבן!"

"איך האלט דא אינמיטן מאכן פסח'דיג," האט די רעביצין געקלאגט. איר גאנצע הארעוואניע וואס זי האט ארײנגעלייגט אין הויז האבן די ערלים שמוציג געמאכט מיט זייערע פיינע מאלצייטן וואס זיי האבן זיך מיטגעברענגט צו דער ארבעט אז זיי זאלן חלילה נישט הונגערן בשעת זיי פארעכטן די שיך. די רוסן האבן זיך בכלל נישט צוטון געמאכט פון די בעלי בתים וואס האבן זיי נישט אויפגענומען, נאר זיי האבן ווייטער פלייסיג געארבעט.

נאכ'ן חוקר ודורש זיין דער ענין האט זיך ארויסגעשטעלט א בילד וואס איז גארנישט געווען אזוי בעטעמ'ט. די מתנגדים האבן געזוכט אלע עצות ווי אזוי צו מאכן ענג דאס לעבן פון רבי נתן. אין די טעג פון פאר פסח האט זיך זיי געמאכט א גאלדענע געלעגנהייט וואס זיי האבן נישט געקענט ארויסלאזן פון זייערע הענט. היות דער געזעץ לויטעט אז ווען א מיליטערישע איינהייט לאנדעט אין א שטאט דארפ'ן די איינוואוינער זיי צושטעלן אלע געברויכן פאר די ארמיי אינטערעסן און יעצט אז א באטאליען פון סאלדאטן זענען אנגעקומען אין ברסלב און זיי האבן זיך געגויטיגט אין א פלאץ וואו צו פארעכטן שיך און שטיוול פון די סאלדאטן האבן די מתנגדים אנגעטראגן רבי נתן'ס הויז. די גרויסע צימערן פונעם בית המדרש איז ממש פאסיג פאר די ארמיי'ס געברויכן. פונקט אזא שטוב האבן זיי טאקע געזוכט.

אומר ועושה, די ארמיי האט זיך פיין איינקוואטירט ביי רבי נתנ'ן "נאר" פאר איין חודש. וואס איז? מען מעג נישט אוועקגעבן פאר'ן רוסישן ארמיי אביסל...? די ארבעטערס האבן פעסט געהאקט מיט זייערע

האמערס אריינצוהאקן די טשוואקעס אין די זוילן פון די שטיוול בשעת זיי צולעכערן דעם מח פון די הויזגעזינד פון רבי נתן. אפילו שבת האבן זיי נישט געגעבן קיין מנוחה נאר ווייטער געהאקט און צושטערט דאס לעבן. דעם ביטערן גלות האט זיך געשלעפט א טאג נאך א טאג.

עס איז שוין געווען ליל ביעור חמץ, מארגן איז פסח און מען זעט נישט קיין עק צו די צרה. עס האט נישט אויסגעזען ווי די חברה האלטן ביים אפטרעטן פון זייער באקוועמען ארבעט'ס פלאץ. אין דער זעלבער צייט וואס די מתנגדים זענען געווען פארנומען ביז איבער'ן קאפ מיט די מצות ומרור און צוגרייטן געשמאקע מאכלים לכבוד דער הייליגער יום טוב פסח וואס קומט אט צו גיין איז רבי נתן געווען ארומגענומען מיט רוסישע ערלים וואס האבן אנגעשמעקט דאס הויז מיט זייערע חמצ'דיגע עסן. אבער רבי נתן וועט זיך נישט מייאש זיין. ער איז געווען זיכער אז דער אויבערשטער וועט אים העלפן.

רבי נתן פלעגט זאגן: "ווען מען הייבט אן בודק חמץ צו זיין איז שוין דא א קליין ביסל פון פסח!" אצינד האט ער גענומען דאס לעכטל אין האנט און געמאכט די ברכה "על ביעור חמץ" מיט גרויס התלהבות און ברען, אינזין האבנ'דיג אז פונקט ווי ער רוימט אויס די חמץ פון זיין שטוב אזוי זאלן אלע גוים פון זיין שטוב אויסגערוימט ווערן. און רבי נתן האט אנגעהויבן ארומצוגיין אין הויז אויפצוזוכן חמץ.

די רוסישע ארבעטערס וואס האבן מיטגעהאלטן רבי נתן'ס פייערדיגע ברכה און געזען זיין פארכטיגער פנים בשעת מעשה זענען דערציטערט געווארן. זיי האבן זיך געריקט אין זייט צו מאכן פלאץ, זאגנדיג אז ער קען טון וואס ער וויל, ער דארף זיך נישט אפהאלטן צוליב זיי.



רבי נתן האט געענדיגט מיטן כל חמירא, אבער זיי האבן נישט געהאט די מינדעסטע אנונג ווי אזוי זיי וועלן פראווען דעם זמן חרותינו.

די נאנטע חסידים פון ר' נתן האבן נישט גערוט. זיי מוזן פאר יעדן פרייז זען די ערלים אינדרויסן. זיי האבן אן אויפהער געשתדל'ט ביי די שטאטישע באאמטע אז מען זאל זען ארויסצופירן דאס שיך פאבריק פון ר' נתנ'ס שטוב. ערב פסח אינדערפרי איז דער ישועה געקומען, מען האט געפועל'ט. אין די מיטאג שעה'ן האבן זיך די רוסישע גוים אדער ווי ר' נתן רופט זיי מיט'ן רוסישן נאמען 'שוואלניע' - די חברה שוסטער'ס, זיך צאמגעפאקט זייער געפעק און אפגעטראגן פון דארט. מען איז ענדליך פטור געווארן פון דער אנשיקעניש. יעדער האט פריי אפגעאטעמט.

יעצט דארף מען זארגן ווי אזוי אריינצוברענגען דעם יום טוב אין די קארגע פאר שעה. צו דעם האט מען אריינגערופן הילף עטליכע מענטשן וואס זענען גלייך אריינגעקומען צו ר׳ נתן אין שטוב צוצוענדיגן די לעצטע הכנות מיט׳ן רייניגן און גרייט מאכן אויף פסח.

**ליל סדר**

פסח ביינאכט ביים סדר פון ר׳ נתן האט געהערשט א דערהויבענער גייסט. מען קען זיך פארשטעלן וואספארא יציאת מצרים ר׳ נתן מיט זיין בני בית האבן געשפירט יענעם יאר, מיט וואספארא דערהויבנקייט ר׳ נתן האט געזאגט די הגדה, מיט לויב און דאנק פארן באשעפער.

מען האלט שוין ביי שולחן עורך, מען עסט די פסח סעודה וואס מען האט צוגעגרייט מיט גרויסע ניסים. אינצווישן האבן די בני בית זיך צושמועסט איבער די צרות וואס זענען אריבער אויף זיי דעם לעצטן ווינטער בכלל און בפרט די לעצטע טעג.

״ברוך ה׳ אז דער אויבערשטער האט געהאלפן מיט אזעלעכע ניסים פטור ווערן פון זיי...״ האט זיך איינער אנגערופן.

ר׳ נתן צוהערנ׳דיג דעם שמועס רופט זיך אן: **״יעצט איז פסח ביינאכט עס איז גאר א הייליגע און פארכטיגע צייט! נאכדעם וואס אידישע קינדער האבן אריינגעלייגט אזויפיל מי און כח אנצוגרייטן דעם יום טוב טאר מען נישט רעדן אויף זיי, פארט זענען זיי אונזערע ברידער, זיי וועלן צום סוף האבן א תיקון; מיר וועלן נאך דארפן זוכן א תיקון פאר זיי!״**

עס כאפט א פחד ווי אזוי ר׳ נתן האט זיך באצויגן צו די מתנגדים וואס האבן אים אזוי געפייניגט.




**די היי יעריגע סיום אויף סיפורי מעשיות וועט בעז״ה פארקומען ביים ענדיגן סיפורי מעשיות.**

**מער פרטים וועט נאכפאלגן בעז״ה.**

**די קינדער וואס וועלן מאכן די בחינות אויף די ׳זיבן בעטלערס׳ וועלן באקומען א באלוינונג בעז״ה. כאפ זיך מיט!**




# ~ די דְרַייצְנְטֶע מַעֲשֶׂה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט

## 2 דִי זִיבְּן בֶּעטְלֶערְס

**הָאבְּן זִיךְ חָתָן כַּלָּה אָנְגְיהוֹיבְּן צוּ דֶערְמַאנֶען**, דִי חֲסָדִים וָואס השי"ת הָאט מִיט זֵיי גִיטָאן, אַז זֵיי זֶענֶען גִיוֶוען אִין וַואלְד. אוּן זֵיי הָאבְּן אָנְגְיהוֹיבְּן צוּ וֵויינֶען, אוּן הָאבְּן זֵייעֶר גִיבֶּענְקְט, וִוי נֶעמְט מֶען דָא דֶעם עֶרְשְׁטְן בֶּעטְלֶער, דֶעם בְּלִינְדְן, וָואס עֶר הָאט אוּנְז גִיבְּרַאכְט בְּרוֹיט אִין וַואלְד.

**וִוי זֵיי הָאבְּן אַזוֹי גִיבֶּענְקְט**, נָאךְ דֶעם בְּלִינְדְן בֶּעטְלֶער, דֶערְוַוייל רוּפְט עֶר זִיךְ אָן, אִיךְ בִּין דָא. אִיךְ בִּין גִיקוּמֶען צוּ אַייךְ אוֹיף דֶער חֲתוּנָה. אוּן אִיךְ שֶׁענְק אַייךְ דְרָשָׁה גִישַׁאנְק, אַז אִיהר זָאלְט זַיין אַזוֹי אַלְט וִוי אִיךְ.

**וָוארְן פְּרִיעֶר הָאבּ אִיךְ אַייךְ דָאס גִיוואוּנְטְשְׁן**, אַז אִיהר זָאלְט זַיין אַזוֹי אַלְט וִוי אִיךְ. הַיינְט שֶׁענְק אִיךְ אַייךְ דָאס דָאזִיגֶע בְּמַתָּנָה גְמוּרָה דְרָשָׁה גִישַׁאנְק, אַז אִיהר זָאלְט זַיין אַזוֹי אַלְט וִוי אִיךְ.

**אִיהר מֵיינְט**, אַז אִיךְ בִּין אַ בְּלִינְדֶער, אִיךְ בִּין גָאר נִיט בְּלִינְד, נָאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, טְרֶעפְט בַּיי מִיר נִיט אָן כְּהֶרֶף עַיִן, (דְהַיינוּ וִוי אֵיין אוֹיגְנְבְּלִיק אִיבֶּער דֶעם הָאט עֶר אַ פָּנִים וִוי בְּלִינְד, וָוארְן עֶר טוּט גָאר קֵיין שׁוּם קוּק אִין דֶער וֶועלְט נִיט אַרַיין. וָוארְן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט טְרֶעפְט בַּיי אִיהם גָאר נִיט אָן אֲפִילוּ וִוי אֵיין אוֹיגְנְבְּלִיק, אִיבֶּער דֶעם גִישִׁיקְט זִיךְ בַּיי אִיהם גָאר נִיט קֵיין זֶעהְן, אוּן קֵיין קוּק אִין דֶער וֶועלְט).

**וָוארְן אִיךְ בִּין זֵייעֶר אַלְט, אוּן אִיךְ בִּין נָאךְ גָאר יוּנְג, אוּן אִיךְ הָאבּ נָאךְ גָאר נִיט אָנְגְיהוֹיבְּן צוּ לֶעבְּן, אוּן בִּין פָּארְט זֵייעֶר אַלְט.**

אוּן נִיט אִיךְ אַלֵיין זָאג דָאס, נָאר אִיךְ הָאבּ אַ הַסְכָּמָה דְרוֹיף פוּן דֶעם גְרוֹיסְן אָדְלֶער. אִיךְ וֶועל אַייךְ דֶערְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה. (דָאס רֶעט אַלְץ דֶער בְּלִינְדֶער בֶּעטְלֶער).

**אַמָאל זֶענֶען גִיגַאנְגֶען מֶענְטְשְׁן** אוֹיף אַ סַאךְ שִׁיפְן, אוֹיף דֶעם יַם. אִיז גִיקוּמֶען אַ רוּחַ סְעָרָה, (דְהַיינוּ אַ שְׁטוּרֶעם ווינְט) אוּן הָאט צוּבְּרָאכְן דִי שִׁיפְן. אוּן דִי מֶענְטְשְׁן זֶענֶען נִיצוֹל גִיוָוארְן,

**זֶענֶען דִי מֶענְטְשְׁן גִיקוּמֶען** צוּ אֵיין טוּרֶעם, זֶענֶען זֵיי אַרוֹיף אוֹיף דֶעם טוּרֶעם. אוּן זֵיי הָאבְּן דָארְט גִיפוּנֶען אַלֶערְלֵיי מַאֲכָלִים, אוּן מַשְׁקָאוֹת, אוּן מַלְבּוּשִׁים, אוּן וָואס מֶע בַּאדַארְף. אוּן סֶע אִיז דָארְט גִיוֶוען כָּל טוּב, אוּן אַלֶע תַּעֲנוּגִים וָואס אִין דֶער וֶועלְט.

**הָאבְּן זֵיי זִיךְ אָנְגִירוּפְן** אַז אִיטְלִיכֶער זָאל דֶערְצֵיילְן אֵיין אַלְטֶע מַעֲשֶׂה. וָואס עֶר גִידֶענְקְט נָאךְ פוּן דֶעם עֶרְשְׁטְן זִיכָּרוֹן. דְהַיינוּ וָואס עֶר גִידֶענְקְט זִינְט סֶע הָאט זִיךְ בַּיי אִיהם אָנְגְיהוֹיבְּן דֶער זִכָּרוֹן. אִיז דָארְטְן גִיוֶוען אַלְטֶע אוּן יוּנְגֶע,

**הָאט מֶען מְכַבֵּד גִיוֶוען**, דֶעם גְרֶעסְטְן זָקֵן וָואס סֶע גִיוֶוען צְוִוישְׁן זֵיי, אַז עֶר זָאל צוּם עֶרְשְׁטְן דֶערְצֵיילְן.

**הָאט עֶר זִיךְ אָנְגִירוּפְן** (דְהַיינוּ דֶער עֶלְצְטֶער זָקֵן), וָואס זָאל אִיךְ אַייךְ דֶערְצֵיילְן, אִיךְ גִידֶענְק נָאךְ, אַז מֶע הָאט אָפְּגִישְׁנִיטְן דָאס עֶפֶּעלֶע פוּן דֶער צְוַוייג.

**הָאט קֵיינֶער נִיט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס עֶר זָאגְט.** לוּשְׁמִיר סֶע אִיז דָארְט גִיוֶוען חֲכָמִים, הָאבְּן זֵיי

גִּיזָאגְט, אָוַוא, דָאס אִיז אַ גַאנְץ אַלְטֶע מַעֲשֶׂה. הָאט מֶען דֶערְנָאךְ מְכַבֵּד גִּיוֶועז דֶעם אַנְדֶערְן זָקֵן, וָואס עֶר אִיז גִּיוֶועז יוּנְגֶער פוּן דֶעם עֶרְשְׁטְן. אַז עֶר זָאל דֶערְצֵיילְן.

**הָאט זִיךְ דֶער אַנְדֶערֶער אָנְגִירוּפְן,** אָט דָאס אִיז אֵיין אַלְטֶע מַעֲשֶׂה. (מִיט אַ לָשׁוֹן וִוי אֵייגֶער פַארְוִוינְדֶערְט זִיךְ). אִיךְ גִּידֶענְק דִי מַעֲשֶׂה, אוּן אִיךְ גִּידֶענְק נָאךְ אַפִילוּ אַז דָאס לֶעכְט הָאט גִּיבְּרֶענְט.

**הָאבְּן זֵיי זִיךְ דָארְט אָנְגִירוּפְן,** הָאט דָאס אִיז נָאךְ אֵיין עֶלְטֶערֶע מַעֲשֶׂה פוּן דֶער עֶרְשְׁטֶער. אוּן סֶע אִיז בַּיי זֵיי אַ חִידוּשׁ גִּיוֶועז, וָואס דֶער אַנְדֶערֶער אִיז זִיךְ יוּנְגֶער, אוּן גִּידֶענְקְט אֵיין עֶלְטֶערֶע מַעֲשֶׂה פוּן דֶעם עֶרְשְׁטְן. דֶערְנָאךְ הָאט מֶען מְכַבֵּד גִּיוֶועז דֶעם דְרִיטְן זָקֵן, אַז עֶר זָאל דֶערְצֵיילְן.

**אוּן דֶער דְרִיטֶער אִיז נָאךְ יוּנְגֶער גִּיוֶועז.** הָאט דֶער דְרִיטֶער זִיךְ אָנְגִירוּפְן. אִיךְ גִּידֶענְק נָאךְ אַפִילוּ אַז סֶע הָאט זִיךְ גָאר אָנְגִיהוֹיבְּן דֶער בִּנְיָן פוּן דֶער פְּרִי אַז דִי פְּרִי הָאט גָאר אָנְגִיהוֹיבְּן צוּ וֶוערְן אַ פְּרִי. הָאבְּן זֵיי זִיךְ אָנְגִירוּפְן דָארְט. דָאס אִיז זִיךְ נָאךְ אֵיין עֶלְטֶערֶע מַעֲשֶׂה.

**דֶערְנָאךְ הָאט זִיךְ דֶער פֶערְדֶער זָקֵן אָנְגִירוּפְן,** וָואס עֶר אִיז נָאךְ יוּנְגֶער גִּיוֶועז. אִיךְ גִּידֶענְק נָאךְ אַפִילוּ אַז מֶע הָאט גִּיפִירְט דָאס קֶערְנְדְל מֶע זָאל פְּלַאנְצְן דִי פְּרִי.

**הָאט זִיךְ דֶער פִיפְטֶער אָנְגִירוּפְן.** וָואס עֶר אִיז נָאךְ יוּנְגֶער גִּיוֶועז, אִיךְ גִּידֶענְק נָאךְ אַפִילוּ דִי חֲכָמִים וָואס זֵיי הָאבְּן אוֹיסְגִיטְרַאכְט דָאס קֶערְנְדְל.

**הָאט זִיךְ דֶער זֶעקְסְטֶער,** וָואס עֶר אִיז נָאךְ יוּנְגֶער גִּיוֶועז, אָנְגִירוּפְן, אִיךְ גִּידֶענְק נָאךְ אַפִילוּ דֶעם טַעַם פוּן דֶער פְּרִי, אֵיידֶער דֶער טַעַם אִיז אַרַיין אִין דֶער פְּרִי. הָאט זִיךְ דֶער זִיבֶּעטֶער אָנְגִירוּפְן, אִיךְ גִּידֶענְק נָאךְ אַפִילוּ דֶעם רֵיחַ פוּן דֶער פְּרִי, אֵיידֶער דֶער רֵיחַ אִיז אַרַיין אִין דֶער פְּרִי.

**הָאט זִיךְ דֶער אַכְטֶער אָנְגִירוּפְן,** אִיךְ גִּידֶענְק נָאךְ אַפִילוּ דִי מַרְאֶה פוּן דֶער פְּרִי, אֵיידֶער דִי מַרְאֶה אִיז אַרוֹיף אוֹיף דֶער פְּרִי,

**אוּן אִיךְ בִּין נָאךְ דֶעמָאלְט גִּיוֶועז גָאר אַ קִינְד.** (דְהַיְינוּ דֶער בְּלִינְדֶער בֶּעטְלֶער וָואס עֶר דֶערְצֵיילְט דָאס אַלְץ) **אוּן אִיךְ** בִּין אוֹיךְ דָארְט גִּיוֶועז הָאבּ אִיךְ מִיךְ אָנְגִירוּפְן, אִיךְ גִּידֶענְק דִי אַלֶע מַעֲשִׂיוֹת, אוּן אִיךְ גִּידֶענְק גָאר נִישְׁט.

**הָאבְּן זֵיי זִיךְ אָנְגִירוּפְן,** הָאט דָאס אִיז אַ גַאנְץ אַלְטֶע מַעֲשֶׂה, עֶלְטֶער פוּן אַלֶע, אוּן סֶע אִיז בַּיי זֵיי אַ גְרוֹיס חִידוּשׁ גִּיוֶועז, וָואס דָאס קִינְד גִּידֶענְקְט מֶער פוּן אַלֶע.

**דֶערְוַוייל אִיז אָנְגִיקוּמֶען אַ גְרוֹיסֶער אָדְלֶער, אוּן הָאט אָנְגִיקְלַאפְּט אוֹיף דֶעם טוּרֶעם. אוּן עֶר הָאט צוּ זֵיי גִּיזָאגְט, הֶערְט אוֹיף צוּ זַיין אָרִימֶע לַייט, קֶערְט אַייךְ אוּם צוּ אַייעֶרֶע אוֹצְרוֹת. אוּן נִיצְט מִיט אַייעֶרֶע אוֹצְרוֹת.**

**אוּן עֶר הָאט צוּ זֵיי גִּיזָאגְט,** אַז זֵיי זָאלְן אַרוֹיס גֵיין פוּן דֶעם טוּרֶעם עֶלְטֶער נָאךְ עֶלְטֶער, וֶוער סֶע עֶלְטֶער זָאל פְּרִיעֶר אַרוֹיס גֵיין. הָאט עֶר זֵיי אַלֶע אַרוֹיס גִּינוּמֶען פוּן דֶעם טוּרֶעם.

**הָאט עֶר פְּרִיעֶר דָאס קִינְד אַרוֹיס גִּינוּמֶען,** וָוארְן צוּם אֶמֶת אִיז עֶר זִיךְ עֶלְטֶער פוּן זֵיי אַלֶע. אוּן וֶוער סֶע אִיז יוּנְגֶער גִּיוֶועז הָאט עֶר אִים פְּרִיעֶר אַרוֹיס גִּינוּמֶען.

**אוּן דֶעם עֶלְצְטְן זָקֵן,** הָאט עֶר גָאר צוּם סוֹף אַרוֹיס גִּיפִירְט. וָוארְן וֶוער סֶע אִיז גִּיוֶועז יוּנְגֶער,

דֶער אִיז זִיךְ גִיוֶועןעֶלְטֶער. (וָוארְן וָואס יוּנְגֶער הָאט עֶר זִיךְ אַלְץ אֵיין עֶלְטֶערֶע מַעֲשֶׂה דֶערְצֵיילְט). אוּן דֶער עֶלְצְטֶער זָקֵן דֶער אִיז גִיוֶוען יוּנְגֶער פוּן זֵיי אַלֶע.

**הָאט זִיךְ דֶער גְרוֹיסֶער אָדְלֶער צוּ זֵיי אָנְגֶערוּפְן**, אִיךְ וֶועל אַייךְ מְפָרֵשׁ זַיין דִי אַלֶע מַעֲשִׂיוֹת, וָואס דִי אַלֶע הָאבְּן דֶערְצֵיילְט. דֶער הָאט דֶערְצֵיילְט אַז עֶר גִידֶענְקְט נָאךְ, אַז מֶע הָאט אָפְּגִישְׁנִיטְן דָאס עֶפֶּעלֶע פוּן דֶער צְוַוייג, מֵיינְט עֶר, עֶר גִידֶענְקְט נָאךְ אַפִילוּ אַז מֶע הָאט אִיהם אָפְּגִישְׁנִיטְן דֶעם נָאפְּל. (כְּלוֹמַר אַפִילוּ דָאס וָואס מִיט אִיהם הָאט זִיךְ גִיטָאן תֵּיכֶּף וִוי עֶר אִיז גִיבּוֹירְן גִיוָוארְן, אַז מֶע הָאט אִיהם אָפְּגִישְׁנִיטְן דֶעם נָאפְּל, אַפִילוּ דָאס גִידֶענְקְט עֶר אוֹיךְ)

**אוּן דֶער אַנְדֶערֶער**, וָואס עֶר הָאט גִיזָאגְט, עֶר גִידֶענְקְט נָאךְ אַפִילוּ אַז דָאס לֶעכְט הָאט גִיבְּרֶענְט, מֵיינְט עֶר, עֶר גִידֶענְקְט נָאךְ אַז עֶר אִיז גִיוֶוען בְּעִיבּוּר, וָואס דֶעמָאלְט בְּרֶענְט אַ לֶעכְט אוֹיף דֶעם קָאפּ. (וָוארְן אַזוֹי שְׁטֵייט אִין דֶער גְמָרָא אַז דֶעמָאלְט אַז דָאס קִינְד אִיז בַּיי דֶער מוּטֶער אִין בּוֹיךְ, דֶעמָאלְט בְּרֶענְט אַ לֶעכְט אוֹיף זַיין קָאפּ וְכוּ')

**אוּן דֶער וָואס עֶר הָאט גִיזָאגְט** אַז עֶר גִידֶענְקְט נָאךְ אַפִילוּ אַז סֶע הָאט אָנְגִיהוֹיבְּן צוּ וֶוערְן אַ פְּרִי. דָאס אִיז, עֶר גִידֶענְקְט נָאךְ אַפִילוּ וִוי זַיין גוּף הָאט אָנְגִיהוֹיבְּן צוּ וֶוערְן, דֶעמָאלְט אַז דָאס קִינְד הֵייבְּט נָאר אָן בַּאשַׁאפְן צוּ וֶוערְן.

**אוּן דֶער גִידֶענְקְט נָאךְ**, דֶעמָאלְט, אַז מֶע הָאט גִיפִירְט דָאס קֶערְנְדְל צוּ פְלַאנְצְן דִי פְּרִי. דָאס אִיז, עֶר גִידֶענְקְט נָאךְ אַפִילוּ וִוי דִי טִפָּה אִיז נִמְשַׁךְ גִיוָוארְן.

**אוּן דֶער גִידֶענְקְט נָאךְ דִי חֲכָמִים וָואס זֵיי הָאבְּן אוֹיסְגִיטְרַאכְט דָאס קֶערְנְדְל.** מֵיינְט עֶר, עֶר גִידֶענְקְט נָאךְ, אַפִילוּ אַז דִי טִפָּה אִיז נָאךְ גִיוֶוען אִין מֹחַ.

**אוּן דֶער גִידֶענְקְט נָאךְ דֶעם טַעַם**, דָאס אִיז דָאס נֶפֶשׁ. אוּן דֶער רֵיחַ, דָאס אִיז דֶער רוּחַ. אוּן דִי מַרְאֶה. דָאס אִיז דִי נְשָׁמָה. אוּן דָאס קִינְד הָאט גִיזָאגְט עֶר גִידֶענְקְט גָאר נִיט. וָוארְן עֶר אִיז גְרֶעסֶער פוּן זֵיי אַלֶע.

**אוּן עֶר גִידֶענְקְט** אַפִילוּ וָואס סֶע גִיוֶוען פַאר נֶפֶשׁ רוּחַ וּנְשָׁמָה. דְרוּם הָאט עֶר גִיזָאגְט, עֶר גִידֶענְקְט **גָאר נִיט** (כְּלוֹמַר עֶר גִידֶענְקְט נָאךְ אַז סֶע גָאר נִיט גִיוֶוען. גִידֶענְקְט עֶר אַפִילוּ וָואס דָארְט הָאט זִיךְ גִיטָאן וָואס דָאס אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶע).

**אוּן דֶער גְרוֹיסֶער אָדְלֶער** הָאט צוּ זֵיי גִיזָאגְט, קֶערְט אַייךְ אוּם צוּ אַייעֶרֶע שִׁיפְן, דָאס זֶענֶען אַייעֶרֶע גוּפִין וָואס זֵיי זֶענֶען צוּבְּרָאכְן גִיוָוארְן, זֵיי וֶועלְן ווִידֶער גִיבּוֹיעֶט וֶוערְן. הַיינְט קֶערְט אַייךְ אוּם צוּ זֵיי, אוּן עֶר הָאט זֵיי גִיבֶּענְטְשְׁט. אוּן צוּ מִיר, (דְהַיְינוּ צוּם בְּלִינְדְן בֶּעטְלֶער וָואס עֶר דֶערְצֵיילְט דָאס אַלְץ)

**הָאט עֶר גִיזָאגְט.** (דְהַיְינוּ דֶער גְרוֹיסֶער אָדְלֶער) דוּ קוּם מִיט מִיר וָוארִין דוּ בִּיסְט אַזוֹי וִוי אִיךְ. וָוארִין דוּ בִּיסְט זֵייעֶר אַלְט. אוּן גָאר יוּנְג. אוּן דוּ הָאסְט נָאךְ גָאר נִיט אָנְגִיהוֹיבִּין צוּ לֶעבִּין אוּן דוּ בִּיסְט פָּארְט זֵייעֶר אַלְט. אוּן אִיךְ בִּין אוֹיךְ אַזוֹי. וָוארִין אִיךְ בִּין זֵייעֶר אַלְט. אוּן בִּין נָאךְ גָאר יוּנְג וְכוּ'.

**נִמְצָא הָאבּ אִיךְ אַ הַסְכָּמָה פוּן דֶעם גְרוֹיסִין אָדְלֶער. אַז אִיךְ בִּין זֵייעֶר אַלְט אוּן בִּין גָאר יוּנְג וְכוּ'.**

**הַיינְט שֶׁענְק אִיךְ אַייךְ בְּמַתָּנָה גְמוּרָה דְרָשָׁה גִישַׁאנְק.**

## אַז אִיר זָאלְט זַיין אַזוֹי אַלְט וִוי אִיךְ.

## אִיז דָארְט גִיוָוארְן אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה אוּן זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע חֶדְוָה. אוּן זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ גִיוֶוען.

## געווינער אויף די בחינות פון פרשת צו איז:
## הילד החשוב יצחק יעקב ראזענבערג, בארא פארק, (זיבן בעטלערס 1)

**צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל,**

**02-5-3333-72**

**646-585-3040**

# בחינה אויף ספורי מעשיות

## די דרייצנטע מעשה (2) - פון די זיבן בעטלירס

**א. וואס האט דער בלינדער בעטלער געגעבן אלס דרשה געשאנק?**
- ❑ א שיינע הויז
- ❑ אז זיי זאלן זיין אזוי אלט ווי ער
- ❑ א גרויסע פארמעגן

**ב. פארוואס האט דער בעטלער אויסגעזען בלינד?**
- ❑ ווייל ער איז באמת געווען בלינד
- ❑ ווייל ער איז געווען אלט און האט שוין נישט געקענט גוט זעהן
- ❑ ווייל ער קוקט נישט אין דער וועלט

**ג. וואס איז דער בלינדער בעטלער געווען ?**
- ❑ זייער אלט
- ❑ גאר יונג – בכלל נישט אנגעהויבן צו לעבן
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ד. וואס האט געדענקט דער גרעסטער זקן?**
- ❑ ווען מ'האט אפגעשניטן דאס עפעלע פון די צווייג
- ❑ ווען די ליכט האט געברענט
- ❑ ווען ס'האט אנגעהויבן ווערן א פרי

**ה. וואס האט געדענקט דער פערטער זקן?**
- ❑ ווען מ'האט געפירט די קערנדל
- ❑ די חכמים וואס האבן אויסגעטראכט די קערנדל
- ❑ די טעם פון די פרי נאך פאר ס'איז אריין אין די פרי

***ו. שאלת חכמות: וואס האט געדענקט דער אכטער זקן?***
- ❑ *די ריח פון די פרי נאך פאר ס'איז אריין אין די פרי*
- ❑ *די מראה פון די פרי נאך פאר ס'איז אריין אין די פרי*
- ❑ *ביידע תשובות זענען ריכטיג*

**ז. וואס האט דער בלינדער בעטלער געדענקט ?**
- ❑ די אלע מעשיות
- ❑ גאר נישט
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ח. וואס זאגט דער גרויסער אדלער?**
- ❑ הערט אויף זיין עשירים
- ❑ הערט אויף זיין ארימע לייט
- ❑ הערט אויף זיין ענוים

**ט. ווענען האט דער אדלער ארויס גענומען די ערשטע?**
- ❑ דעם גרעסטער זקן
- ❑ דאס קינד
- ❑ לויט די א"ב

**י. וויאזוי האט ער מפרש געווען דעם זעקסטן זקן וואס געדענקט די טעם?**
- ❑ נפש
- ❑ רוח
- ❑ נשמה

**יא. וויאזוי האט ער מפרש געווען דעם זיבעטן זקן וואס געדענקט די ריח?**
- ❑ נפש
- ❑ רוח
- ❑ נשמה

**יב. וויאזוי האט ער מפרש געווען דעם אכטן זקן וואס געדענקט די מראה?**
- ❑ נפש
- ❑ רוח
- ❑ נשמה

**יג. צו וואו האט ער זיי געהייסן צוריק גיין?**
- ❑ צו די שיפן
- ❑ צו זייערע גופים
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**יד. וואס איז געווען דער אדלער?**
- ❑ אלט
- ❑ יונג
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**טו. וואס איז געווארן נאך די דרשה געשאנק פון דעם בעטלער?**
- ❑ א גרויסע שמחה
- ❑ א גרויסע שמחה און זייער א גרויסע חדוה
- ❑ א גרויסע שמחה און זייער א גרויסע חדוה און זיי זענען זייער פריילך געווען

***טז. שאלת חכמות: ווען האט דער רבי דערציילט פון דעם בלינדן בעטלער?*** (עיין ימי מוהרנ"ת אות מ"ב)
- ❑ *ביום שני כ"ה אדר תק"ע*
- ❑ *בליל שבת קודש כ"ה אדר תק"ע*
- ❑ *בליל שבת קודש כ"ה אדר תקס"ט*

?

## א ווארימע תפלה אויף פסח

באשעפער, העלף אונז, מיר זאלן זוכה זיין צו מקבל זיין אויף אונז די קדושה פון יום טוב פסח, מיט א געוואלדיגע הייליגקייט מיט א שמחה און א חדוה. מיר זאלן זוכה זיין צו מקיים זיין די מצוה פון ארבע כוסות די ווייין פון פסח מיט א ריכטיגע שלימות און מיט קדושה וטהרה. (תפלה כ')

באשעפער, זיי זיך מרחם אויף אונז מיט דיין גרויס רחמנות און דיין גרויס גענאד. העלף אונז אויפנעמען די דריי רגלים פסח, שבועות און סוכות מיט א קדושה און א גרויס פרייד, מיר זאלן זוכה זיין צו מכבד זיין אלע ימים טובים מיט אלע מיני כבוד און שיינקייט, מיט עסן, סעודות און ריינע קליידער. און רוען פון אלע ארבעט. מיט א גוט הארץ און א גרויסע שמחה. מיט תפלה בכוונה און א געוואלדיגע התעוררות ווי עס פאסט פאר א אידיש קינד צו דאווענען און זיך אויפצופירן יום טוב.

מיר זאלן זוכה זיין צו טון אסאך מצוות משך דעם יאר מיט קדושה און א גרויסע שמחה און זוכה זיין אז די שמחות פון אלע מצוות פונעם גאנצן יאר זאלן זיך צאַמזאמלען אינעם הייליגן הארץ וואס דאס איז די דריי ימים טובים, דורכדעם וועלן מיר זוכה זיין צו אן אמת'ן שמחת יום טוב אזוי ווי דיין רצון איז, אזוי ווי עס שטייט: "ושמחת בחגיך" און זוכה זיין זיך זייער שטארק צו פרייען מיט דיר באשעפער וואס דו האסט אונז אויסגעוועלט פון אלע פעלקער און דערהויבן פון אלע שפראכן. ביז מיר וועלן זוכה זיין ארויפגיין און זיך זען מיטן אור פני ה'. אמן (תפלה ל')

# דיינו

א נייער ליכט, א דערהויבענער שטראל
אנגעשעפט פון רבינ'ס הייליגן קוואל
אריינשיינען אין שטוב דעם אור
ברענגען דעם רבינ'ס דרך קלאר
אונז לערנען יראת שמים און גוטע מידות
אייערע ווייבער זאלט איר מאכן חסידות....

הלילה הזה כולנו מסובין
די נאכט לאנען מיר זיך אן
מיר האבן אויף וועמען דאס צו טוהן

סמכו על כוחי הגדול
דער רבי זאגט: "מיין כח איז גרויס"
איך גיי פאר אייך פאראויס

כמה מעלות טובות למקום עלינו
אז מיר רופן זיך על שם רבינו
וואס האט רחמנות געהאט עלינו ועל בנינו
אשרינו מה טוב חלקינו
ומה נעים גורלינו
נאר אויף דעם אליין - דיינו....

# ערב פסח אין אדעסע



**שבת** פרשת החודש וואס איז געפאלן ראש חודש ניסן, איז געווען דאס צווייטע שבת וואס ר׳ נתן האט געוויילט אין אדעסע. שבת אינדערפרי זענען אריינגעקומען עטליכע פון אונזערע לייט וועלכע האבן געוואוינט דארט אין שטאט. לאמיר זען וואס ר׳ נתן שרייבט וועגן דעם שבת, וואס זוכט ר׳ נתן ערב פסח אין שטאט אדעסע?

״עס איז געקומען צו מיר א ערליכער איד, וועלכער האט געוואלט פארן קיין ארץ ישראל, זיין נאמען איז ר׳ אהרן יהודה ער וואוינט אין אדעסע, דער איד, נעבעך אן אפגעריסענער ארימאן, ער דאוונט מיט קולות און מיט א ברען, דעריבער האבן די שטאטס לייט אים פארטריבן פון שטאטישן שול, ער דרייט זיך ארום נע ונד. ליידער טאנצט דער כח הרע פראנק און פריי אויף די גאסן, קען מען אזא טייערן איד פארשיקן, און זיי זאגן נאך אז ער איז א משוגע׳נער... אבער איך, שרייבט ר׳ נתן, איך האב געהאט אמונה אין דעם איד, האב איך אים זייער מחזק געווען און אים געהאלטן פאר אן ערליכן איד, ווען נישט וואס איך וואלט בעפאר שוין געשריבן א בריוו פאר ר׳ יהודה אליעזר ער זאל קומען קיין אדעסע ער זאל מיט מיר פארן קיין ארץ ישראל, קען גאר זיין אז איך וואלט מי־טגענומען מיט מיר דעם פרומען ר׳ אהרן יהודה מיט מיין נסיעה קיין ארץ ישראל...״

מען זוכט א שיף

עס איז אריבער מער פון א וואך. ר׳ נתן פא־ראינטערעסירט זיךביים פארט וועלכע שיפן פארן קיין איסטאמבול, טראץ וואס ער איז געווען אומזיכער אויב ס׳איז כדאי זיך צו יעצט ארויסצולאזן אויף אזא וועג, פאר עטליכע סיבות:

איינס, דער יום טוב פסח קומט צו גיין, איז דען מעגליך צו זיין נזהר פון חמץ אין א שיף פול מיט גוים? צווייטנס האט ר׳ נתן זיך געשריבן מיט ר׳ יהודה אליעזר אז ער וויל מיט אים פארן, און ביזדערוויל האט ער גארנישט געהערט פון אים. דריטנס, די וועטער. עס איז נישט געווען די ריכטיגע ווינטן זענען די שיפן נאכנישט געפארן ווי אין א געווענליכע צייט.

עס גייט אריבער עטליכע טעג און נאכאלץ הערט מען נישט פון ר׳ יהודה אליעזר, ר׳ נתן שרייבט אים א צווייטן בריוו, און בעט אים ער זאל אים געבן אן ענטפער א יא אדער א ניין.

דעם באשעפערס ווילן צו זיין פסח אין אדעסע

איינע פון די טעג, האט א פארמיטלער פון די שיפן געלאזט וויסן פאר ר׳ נתן אז א שיף גרייט זיך צו פארן קיין איסטאמבול די וואך. ר׳ נתן׳ס חשק האט זיך זייער געשטארקט, ער וויל זייער זיך מיטכא־פן מיט דעם שיף, עס קען זייער מעגליך זיין אז דער שיף וועט נאך גרייכן אין איסטאמבול נאך פאר פסח. אבער די פאפירן וואס פעלט זיך אויס און א רייזע-קארטל איז נאכנישט גרייט. ר׳ נתן בעט פונעם פארמיטלער ער זאל זיך שוין צואיילן און זאל אנגרייטן אלע נויטיגע פאפירן, און ער האט אים טאקע צוגעזאגט אז אויפצומארגנס וועט אלעס זיין גרייט. ״אבער״, שרייבט ר׳ נתן, ״דער אויבערשטער האט עס אפגעהאלטן, דאס קארטל איז ערשט געווען גרייט א דינסטאג נאכדעם, דאס מיינט די וואך פאר פסח, האב איך זיך שוין מייאש געווען ארויסצופארן פאר פסח, ווייל איך האב געזען אז פון הימל וויל מען אנדערש, דער באשעפער וויל איך זאל זיין אין אדעסע אויפן הייליגן יום טוב פסח, און דער וועג איז ריכטיג פאר מיר וועגן עטליכע טעמים״ (המשך וועט קומען בעז״ה)

# לייג אריין אין די קעסטלעך די 16 ווערטער
# וואס הייבט זיך אן מיט א׳ און ב׳ פון ספר המדות



## די ווערטער

אמת,
אהבה,
אמונה,
אכילה,
אלמן,
ארץ ישראל,
הכנסת אורחים,
אבדה,

בנים,
בית,
בושה,
בגדים,
בטחון,
בשורה,
ברכה,
בכיה,

עפן אויף די
ראשי תיבות,
די באוואוסטע נעמען פון ברסלב

מוהר״ן, מוהרנ״ת, נומ״ח
ליקו״מ, ליקה״ל, רנ״ט,
ראבר״ן, רלו״י, פרל״ח,
באה״ל, שיש״ק.

אֵײנְמָאל אִיז גֶעלֶעגְן גֶעשְׁרִיבְּן דִי סֵפֶר אַלֶף-בֵּית (סֵפֶר הַמִדוֹת) בַּיי אוּנְזֶער חַבֶר רֶבִּי נַפְתָּלִי, רֶבִּי נַפְתָּלִי אִיז גֶעזֶעצְן מִיטְן הֵיילִיגְן רֶבִּ'ן אוֹיפְן וָואגְן, וַוייל עֶר הָאט בַּאגְלֵייט דֶעם רֶבִּ'ן וֶוען עֶר אִיז גֶעפָארְן קַיין נָאוְורִיטְשׁ. הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי - זֶעעֶנְדִיג דֶעם סֵפֶר אִין רֶבִּי נַפְתָּלִי'ס הֶענְט - זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "מַיין לִיבֶּער הַרְצִיקֶער חָבֵר מַיין לִיבֶּער גִיטְרַייעֶר חָבֵר. הָאט דָאס הָאט מִיךְ גִימַאכְט פַאר אֵיין אִיד".

דָאס מֵיינְט אַז דוּרְךְ דִי אַלֶע ווערְטֶער וָואס שְׁטֵייעֶן אִין סֵפֶר הַמִדוֹת הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זִיךְ מִתְגַבֵּר גֶעוֶוען אוֹיף יֶעדֶע אֵיינְצִיגֶע מִדָה, אוּן דוּרְכְדֶעם הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען".

# רעטעניש

די אותיות וואס שטייט אין ערשטן קעסטל ליגט באהאלטן פיר ווערטער וואס די ראשי תיבות דערפון איז ״לעמר״ אזוי שטייט אין ספר המידות, דו דארפסט אויפזוכן אין ספר המדות ביי די סעיף פון ספירת העומר און טרעפן די ווערטער און אריינשרייבן אין צווייטן קעסטל

ירארמעתאלבקיאמארגמאי

דא האסטו א ליסט פון ספרי ברסלב און זייער מחבר, דו דארפסט ציען א שטריך און צופאסן דעם ספר צו זיין מחבר:

| | |
|---|---|
| ביאור הליקוטים | ר' נחמן גאלדשטיין פון טשערין |
| ליקוטי מוהר"ן | ר' נתן ב"ר יהודה פון טבריה |
| ימי שמואל | ר' אלטר פון טעפליק |
| ליקוטי הלכות | ר' אפרים ב"ר נפתלי |
| נועם שיח | ר' נתן פון ברסלב |
| פרפראות לחכמה | ר' לוי יצחק בענדער |
| מי הנחל | ר' אברהם ב"ר נחמן פון טולטשין |
| נתיב צדיק | רבינו נחמן מברסלב |
| ליקוטי אבן | ר' שמואל הורביץ |



מֶען דַארְף זִיךְ מְקָרֵב זַיין צוּ אֵיין רֶבִּי'ן...
מֶען דַארְף זִיךְ מְחַבֵּר זַיין צוּ דֶער פֶּען [דִי סְפָרִים הַקְדוֹשִׁים]
(שִׂישַׂ"ק)



## וָואס דֶערְצֵיילְט דִיר דֶער בִּילְד?

דִי קִינְדֶער, זַלְמָן אוּן נָחוּם זִיצְן בַּיים סֵדֶר טִישׁ אוּן הַאלְטְן מִיט דִי הַגָּדָה. פְּלוּצְלוּנְג הָאבְּן זֵיי אַ נִסָּיוֹן. וֶועלְן זֵיי עֶס בַּייְשְׁטֵיין? בֵּיידֶע קִינְדֶער ווִילְן זֵייעֶר שְׁטַארְק גַּנְבְ'נֶען דִי אֲפִיקוֹמָן, זֵיי הָאבְּן שׁוֹין גְרוֹיסַארְטִיגֶע פְּלֶענֶער וָואס צוּ בֶּעטְן דֶערְפַאר. וִוי נָאר זַלְמָן גֶעבְּט זִיךְ אַ קֶער הָאט שׁוֹין נָחוּם אִים אוֹיסְגֶעכַאפְּט. עֶר הַאלְט פַארְשְׁטֶעקְט דִי אֲפִיקוֹמָן הַאלְטֶער אוּנְטֶער זַיינֶע אָרֶעמְס. זַלְמָן קוּקְט מִיט גְרוֹיסֶע אוֹיגְן. דֶער יֵצֶר הָרָע אַרְבֶּעט אַרַיין אִין אִים אִים צוּ מַאכְן אִין כַּעַס. עֶר ווִיל שׁוֹין שְׁרַייעֶן אוּן וֵויינֶען. עֶר ווִיל זִיךְ שׁוֹין אוֹיפְהֵייבְּן פוּן הֵיילִיגְן סֵדֶר-טִישׁ אוּן פַארְפִירְן מִיט קְלָאגֶענִישׁ.

# מעשה פון ארור

אָבֶּער פָּארְט אִיז זַלְמָן אַ בְּרֶסְלֶבֶ'ער חָסִיד עֶר וֵוייסְט פּוּנְקְט וָואס דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז. עֶר דֶערְמַאנְט זִיךְ אַ מַעֲשֶׂה וָואס דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט:

אֵיינְמָאל זֶענֶען אַ אִיד מִיט אַ דַייטְשֶׁער גוֹי גֶעגַאנְגֶען צוּזַאמֶען נָע וָנָד שְׁנָארְן, וִוי צְוֵויי בֶּעטְלֶערְס. קוּמְט עֶרֶב פֶּסַח, דֶער אִיד רִישְׁט זִיךְ אוֹיף אַן עֶרְנְסְטֶע סְעוּדָה אוּן דֶער גוֹי אִיז אִים מְקַנֵּא.

דֶער אִיד הָאט רַחֲמָנוּת גֶעהַאט אוּן אִים אוֹיסְגֶעלֶערְנְט וִוי אַזוֹי זִיךְ אוֹיפְצוּפִירְן וִוי אַ אִיד, אוּן וִויבַּאלְד דִי דַייטְשֶׁע שְׁפְּרַאךְ אִיז דָאךְ דִי זֶעלְבֶּע וִוי אִידִישׁ אוּן דִי אִידְן פִירְן זִיךְ דָאךְ אוֹיף מִיט רַחֲמָנוּת וֶועלְן זֵיי אִים אַיינְלַאדֶענֶע צוּם סֵדֶר. עֶר הָאט זִיךְ

גוט אײַנגע׳חַזְר׳ט ווי אַזוי מען פִירט זיך אויף אין אַ אידישע הויז ווען מען ווערט אים אײַנגְלַאדֶענְט צום סֵדֶר נַאכְט. צום עֶרְשְט מַאכְט מען קִדוּש דֶערְנָאךְ וַואשְט מֶען זיך די הֶענְט, אָבֶער דער איד הָאט אים פַארְגֶעסְן צו זָאגְן אַז מען עֶסְט מָרוֹר אוּן אויךְ אַז די פֵיינֶע עֶסְן קוּמְט נִישְט גְלַייךְ אַרַיין נָאר מֶען דַארְף זיך אַבִּיסְל אָנְשְטְרֶענְגֶען צו זָאגְן אוּן זִינְגֶען פוּן עֶפֶּעס אַ סֵפֶר.

אַ איד הָאט אײַנגֶעלַאדְנְט דֶעם גוֹי צום סֵדֶר נַאכְט, אָבֶער דֶער גוֹי איז גֶעוֶוען הוּנגֶעריג, עֶר הָאט גָארְנִישְט גֶעגֶעסְן דוּרְכְאוֹיס דֶעם טָאג, עֶר זִיצְט בַּיים טִיש אוּן וַוארְט נָאר אויף די גוּטֶע זַאכְן וָואס דֶער איד הָאט אים אָנְגֶערַייצְט אַז מֶען גִיבְּט די נַאכְט.

אָבֶער עֶר זֶעט אַז מֶען גִיבְּט נָאר אַ שְטִיקְל רֶעטֶעך אין זַאלְץ וַואסֶער אוּן נָאךְ זַאכְן וָואס מֶען פִירְט זיך בַּיים סֵדֶר, מֶען זָאגְט די הַגָדָה, עֶר שְטֵייט מִיט אָפֶענֶע אוֹיגְן גְרֵייט צום עֶסְן. ווִי נָאר מֶען הָאט צֶעטֵיילְט די מַצָה הָאט עֶר אָפְּגֶעאָטֶעמְט פַאר פְרֵייד, הָא, עֶנְדְלִיךְ וֶועט עֶר שוֹין קֶענֶען שְטִילְן זַיין הוּנגֶער, אָבֶער פְלוּצְלוּנג גִיבְּט מֶען אים צו עֶסְן מָרוֹר, ווִי עֶר לֵייגְט עֶס אַרַיין אין מוֹיל אִיז אים גֶעוָוארְן בִּיטֶער אוֹיפְן צוּנג, אוּן טְרַאכְט אוֹי וַויי, נָאר דָאס גִיבְּט מֶען בַּיי דֶער סְעוּדָה, עֶר הֵייבְּט פִיס אוּן אַנְטְלוֹיפְט מִיטְן בִּיטֶערְן טַעַם אין מוֹיל הוּנגֶעריג אוּן דָארְשְטִיג, עֶר טְרַאכְט בַּיי זיך, 'די פַארְשָאלְטֶענֶע אִידְן, נָאכְן גַאנְצְן פְּרַאוֶועֶן גִיבְּט מֶען מִיר צו עֶסְן בִּיטֶערֶע מָרוֹר', עֶר לוֹיפְט אַרַיין אין שוּל אוּן שְלָאפְט דָארְט אַיין.

שְפֶּעטֶער אין נַאכְט קוּמְט דֶער איד מִיט אַ גְרוֹיסְן שְמֵייכְל אוֹיפְן פָּנִים, זָאט פוּן די גֶעשְמַאקֶע עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען, אוּן פְרֶעגְט דֶעם דַייטְשְן: "נָא, וְויאַזוֹי אִיז גֶעוֶוען די סֵדֶר-נַאכְט?" דֶער גוֹי שְרֵייט מִיט כַּעַס אוּן פַארְצֵיילְט וָואס הָאט זיך מִיט אים אָפְּגֶעטוּן, זָאגְט אִים דֶער אִיד: "דוּ דַייטְשֶער שוֹטֶה, וֶוען דוּ וַוארְטְסְט נָאךְ אַבִּיסְל... וָואלְסְטוּ גֶעגֶעסְן פוּן אַלֶעם גוּטְן אַזוֹי ווִי אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט."



דָאס הָאט דֶער רֶבִּי פַּארְצֵיילְט, אוּנְז צוּ לֶערְנֶען אַז צוּ אוֹיסְאֵיידְלֶען דֶעם גוּף דַארְף מֶען טוֹעֵם זַיין אַבִּיסְל בִּיטֶערְנִיש, אָבֶער דֶער מֶענְטְש טְרַאכְט, אַז אַלֶעמָאל וֶועט אִים זַיין בִּיטֶער, דֶערִיבֶּער אַנְטְלוֹיפְט עֶר גְלַייךְ, אָבֶער אוֹיבּ וָואלְט עֶר אַבִּיסְל גֶעוַוארְט אוּן סוֹבֵל גֶעוֶוען די בִּיטֶערְנִיש וָואס אֵיידְלְט אוֹיס זַיין גוּף, וָואלְט עֶר נָאכְדֶעם גֶעשְפִּירְט אַלֶע מִינֵי תַּעֲנוּגִים אוּן זִיסְקַייטְן וָואס אִיז נָאר פַארְהַאן.

יֶעצְט זִיצְט זַלְמָן בַּיין טִישׁ אוּן עֶר דֶערְמַאנְט זיך די מַעֲשֶׂה וָואס עֶר הָאט שוֹין אַסַאךְ גֶעהֶערְט אין בְּרֶסְלֶב אָבֶער דָא מֵיינְט עֶס אִים פֶּערְזֶענְלִיךְ. שְרַייבּ אַרַיין אִינֶעם בִּילְד וָואס זַלְמָן קְלֶעְרְט צוּ זִיךְ. קְלִינְג אַרַיין אִין טֶעל-לַיין אוּן לָאז אַ הוֹדָעָה אִין קֶנֶעפְּל 7 צוּ קֶענֶען גֶעוִוינֶען דַיין אֲפִיקוֹמָן!

# פאמיליע ווינקל




מיט צוויי בליקן
קען מען די זעלבע אויסדריקן
ערב פסח ־ די ארבעט גרויס
מען דרייט זיך נישט ארויס...

מרת *יגון ואנחה* ביטער און שווער
ארבעט מיט א טרער
אנטקעגן איר מרת *ששון ושמחה*
פרייד זיך ארום די גאנצע משפחה

צו די ארבעט זיך גענומען
יעדער פארנומען
לאמיר ביי די צוויי געבן א בליק
וואו ווען מיר טרעפן דעם גליק??

## מרת יגון ואנחה...

## ...מרת ששון ושמחה



**פסח'דיג מאכן:**

קיין ענדע טוט מען נישט זען ...

...מיט א גוטער רצון אלעס מען קען



**שואב אבק - וואקיום מאשין:**

אזא גערויש מען קען גארנישט הערן ...

...ווער עס האט דאס אויסגעפלאנט זאל געבענטשט ווערן



**אקונומיקע - בליטש:**

היטן פון די קינדער מיט זיבן אויגן ...

...איין טראפ פון דעם, אלע שמוץ אוועק געפלויגן



**בין הזמנים:**

אלע שפרינגען, טאנצן ארויס פון די ראמען ...

...איין מאל טרעפט מען זיך אלע צוזאמען



**א גוט ווארט:**

ווער קען אינמיטן די ארבעט צולייגן מוט ...

...פונקט יעצט אינמיטן די ארבעט איז די פאסיגע מינוט



**שמייכל:**

די מידקייט מאכט דאס פארגעסן אינגאנצן ...

...דאס איז בחינם, און מאכט יעדן'ס אויגן גלאנצן



**וועש:**

בערג און טאלן ענדיגט זיך קיינמאל ...

...ברוך ה' מיר האבן וואס צו אנטאהן אלעמאל



**דאנקען:**

וואס? איינער דאנקט מיר?! ...

...אינמיטן די ארבעט קען מען דאנקען אן א שיעור



**תפילה:**

ווען? נישט דא קיין צייט אטעמען אפילו ...

...פארדעם, נאכדעם, אנמיטן, אלעס באגלייט מיט תפילה

**מיט א ריכטיגן קוק ברענגט מען אין שטוב א ברכה**

**ששון ושמחה ישיגו ונסו יגון ואנחה**

# טרעף 10 חילוקים צווישן די צוויי בילדער




